שנה ג'
נומער ק"ג
**פרשת תולדות**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל



# שבת מעין עולם הבא

**אין שטעטל**
מיט'ן גרויסן
גאסט הרב
**רבי יצחק לעזער שליט"א**
שבת חיי שרה
תשפ"ג

מיט
א טיפערן
בליק:
**רעגולער אדער דיקעף?**

**אין רעאקציע צום דמיון**

נייעס:
**מען קען הערן דעם דף ירושלמי אויף קול ברסלב פארגעלערנט דורך דעם ראש ישיבה שליט"א**





# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
**לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:**
**077-530-9648**

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע**
**בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161**

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**
BRESLEVCENTER.COM





**3** — בריוו פון לייענער: די מקור פון אבות ובנים אין ספרי מוהרא"ש זי"ע



**5** — ארטיקל: אין רעאקציע צום דמיון



**12** — שטעטל נייעס: הערליכער שבת מיט הרב רבי יצחק שליט"א



**13** — היכל הקודש נייעס: חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל



**16** — מיט א טיפערן בליק: רעגולער אדער דיקעף?



**42** — בילדער אפטיילונג: אינטערסאנטע מאמענטן וואס איר האט מעגליך פארפאסט


## זמנים Liberty

**פרשת תולדות ב' כסליו תשפ"ג**

הדלקת הנרות.........04:13

מוצאי שבת............05:43

**מנחה מעריב ויצא ... 05:25**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 25 | 45°/33° | | Showers |
| Sat 26 | 40°/31° | | Showers |
| Sun 27 | 42°/27° | | Partly Cloudy |
| Mon 28 | 44°/25° | | Partly Cloudy |
| Tue 29 | 44°/31° | | Partly Cloudy |
| Wed 30 | 48°/35° | | Showers |
| Thu 01 | 44°/29° | | Showers |
| Fri 02 | 40°/25° | | Rain/Snow |




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו לאה שעניא תחי'**

**צו די אפשערן פון נחמן יואל נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.



## בריוו צו די
# רעדאקציע

### שיינע הערה אויף די "שלאנגן ארטיקל"

לכבוד חברי מערכת "קרית ברסלב שטעטל בלעטל" הע"י

איך בין זייער אינספערירט געווארן פון די ארטיקל פון די שלענג וואס איז געלאפן די לעצטע צוויי וואכן, איך האב עס טאקע געדארפט איבערליינען אפאר מאל צו כאפן דעם ענין און עס אריין ברענגען צו מיין לעבן אבער עס האט מיר גוט געעפענט די אויגן אויף זייער אסאך זאכן אין לעבן, הגם דער שרייבער האט נאר אנגעריירט אפאר משלים ווי אזוי א מענטש ווערט פארוויקלט אין זיך ווייל ער "טאר" זיך נישט עפענען ווייל ער ווייסט אז ער האט נישט קיין עצה ווי אזוי זיך צו היילן, אבער באמת פארקערפערט עס אין זיך, מען קען זאגן כמעט די גאנצע לעבן פון א מענטש, אלעס וואס א מענטש טוט, טראכט אדער פייניגט זיך, מען קען זאגן אז ניין און ניינציג פראצענט איז שולדיג דאס וואס טוט זיך סאב-קאנטשעסלי אינעווייניג אין די מענטש, און ער האט ארויסגעברענגט אזא שטארקע "פינטל" אז איינער וואס נעמט זיין צייט און מאכט התבודדות האט רשות... אריינצוקריכן אינעווייניג און זיך אנהייבן צו באקענען מיט זיך זעלבסט אפילו ער האט נאך נישט קיין עצה, וואס באמת די עצה איז דאס טאקע אריינקריכן און אנהייבן דערציילן דעם אייבערשטן אלעס וואס עס טוט זיך אינעווייניג.

הגם אין ספרי ברסלב דארף מען נישט קיין מקור אויף דעם אבער אין צעטל קטן אדער אין הנהגת האדם, ברענגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע אז א מענטש ווערט אויפשטיין אינדערפרי, און ווערט זיך אויסשמועסן זיין הארץ מיטן אייבערשטן, ווערט ער מיט די צייט אנהייבן צו זען "דעם אמת'ן זיך" ער ווערט ווערן ערשטוינט ווען ער ווערט אנהייבן זען בערג מיט בערג פון עבירות און שלעכטע מידות וואס ער האט קיינמאל נישט גע'חלומט אז עס האט דאס אלעס.

יישר כח פאר די הערליכע בלעטל, און פאר די פילע תוכנ'דיגע ארטיקלען וואס מען דא טרעפט כסדר.

ר. ב. לעיקוואוד



### די מקור פון אבות ובנים אין ספרי מוהרא"ש זי"ע

אלס א תלמיד פון די ערשטערע יארן פון דעם גרויסן צדיק מוהרא"ש זי"ע, וויל איך שרייבן א הערה וואס מען זעט אין די וועלט זאכן וואס מענטשן ווייסן אפילו נישט אז עס קומט מיסודו פון מוהרא"ש און עס איז שוין היינט א זאך וואס איז אנגענומען איבעראל.

איינע פון די זאכן וואס איז אויפגעכאפט געווארן מען קען זאגן בערך אין די לעצטע צוואנציג יאר, איז די זאך פון אבות ובנים, היינט איז עס שוין אזוי אין יעדן בית המדרש איבער די גאנצע וועלט, אבער די געדאנק דערפון שטאמט פון מוהרא"ש זי"ע, מוהרא"ש האט ארויסגעגעבן א קונטרס מיטן נאמען אבות ובנים שוין אזוי פרי ווי פערציג יאר צוריק, ווי מוהרא"ש שרייבט דארט די גאנצע סדר ווי אזוי מען זאל איינפירן, דאס וואס מען טוט היינט ברוך השם אין אלע קהילות הקודש.

די ווערטער פון מוהרא"ש זענען ווי די מן אין מדבר, עס שטייט אין מדרש אז די פעלקער וואס האבן געוואוינט ארום די מדבר האבן געשפירט אין די פלייש וואס זיי האבן געגעסן א מורא'דיגע גוטע טעם, ווייל די מן האט זיך צעלאזט און עס איז אריינגעגאנגען אין די וואסער, און די הערשן האבן געטרינקען דערפון, און דאס האט געמאכט אז די פעלקער זאלן האבן מרחוק אביסל צו שפירן די טעם וואס די אידן האבן געשפירט אין די מן.

די ווערטער וואס מוהרא"ש האט געשריבן די אלע יארן, מען האט אים טאקע אויסגעשלאסן פון כלל ישראל, מען האט אים פארשעמט, און פארגאסן זיין בלוט, אבער זיינע עצות זענען אריין אין די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די אלע אנדערע עצות וואס מוהרא"ש האט געגעבן זאלן אריינגיין אין די וועלט, וואס דאס קען אזוי ראטעווען כלל ישראל.

ווי טרעפליך איז דאס וואס מוהרא"ש זי"ע פלעגט אלס נאכזאגן פון רבי'ן: "וואס ארט עס מיך אז א איד וועט בענטשן א ערנסטע בענטשן און ער וועט נישט וויסן אז עס קומט פון מיר".

י. ז. ענגלאנד יצ"ו

## באדאנקט זיך פארן ערליכן בלעטל

לכבוד די שיינע ערליכע אויסגאבע "קרית ברסלב בלעטל". ענקער בלעטל איז ערליך שיין און קאלירפול, איך און מיין גאנצע משפחה זענען זיך מחי' דערמיט יעדע וואך עקסטער, א ריכטיגע עונג שבת.

ס'איז אינטערעסאנט ווען איך דערמאן זיך אז אביסל מער פון א יאר צוריק איז די קרית ברסלב בלעטל אינגאנצן באשטאנען פון איין בלאט שווארץ אויף ווייסע פאפיר, און יעצט איז דא וואך איין וואך אויס דרייסיג פערציג קאלירפולע זייטן, יעדע ארטיקל פאר זיך איז אויסערגעווענטליך שיין, רייך, און גרייט צו קענען ארויסקעשן עפעס דערפון אויף למעשה.

אזוי שרייבנדיג דערמאן איך זיך צוריק, אז איך האב איך זייער הנאה געהאט פון די "צום פינטל" ארטיקל וואס מאכט חוזק פון עבודה זרה פון די היינטיגע דור וואס לאזט נישט מענטשן לעבן מיטן אייבערשטן, נאר מ'דארף זיין "נארמאל", זיין ווי יעדעם, וכדומה, און דער שרייבער מאכט גוט חוזק פון דעם, מיר זאלן האבן חיזוק זיך נישט צו שעמען מיט דעם וואס מיר פאלגן א צדיק, אפילו מיר זענען "נאט נארמעל" ווי ער רופט עס...

אזוי אויך די סעודה מיט'ן ראש ישיבה איז ערליך שיין, הערליכע שיחות און הדרכות פארן לעבן, ועל כולם, א בליק אריין אין דער ראש ישיבה'ס שטוב ווי אזוי דער ראש ישיבה איז מחנך זיינע קינדער.

אין די בלעטל פרשת לך איז געווען א בילד ווי דער ראש ישיבה זיצט אין שטעטל אין א כתה און רעדט צו די קינדער, איך האב באמערקט אז אויף די ווי"ט באור"ד איז געשריבן אין ענגליש: Today i am happy because

today i spoke to hashem

עס איז אינטערעסאנט צו זען אז אפילו די ענגליש טיטשער וואס לערנט אויס שרייבן ענגליש קען אויך אריינלייגן אין די קינדער אמונה און תפלה.

שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל

## בריוו פון די רעדאקציע

*ווי איר זעט אז איינע פון די שענסטע אפטיילונגען אינעם שטעטל בלעטל, אונטערן קעפל "נקודות טובות" וואס האט אנגעהויבן ערשיינען וועכנטליך פון אנהייב זומער תשפ"ב, ווערט כסדר איינגעשרימפן, עס ווערט קלענער און קלענער, און בעת מיר שרייבן די שורות איז נאכנישט דא קיין סחורה פאר די וואך.*

*דער קאלום איז צאמגעשטעלט פון הערליכע נקודות וואס אנשי שלומינו געבן איבער, עס איז קורץ, עס איז געשמאק, יעדע מענטש פון אנשי שלומינו האט זיין וועג פון טראכטן, און עס קומען ארויס הערליכע זאכן דערפון, סיי פאר די ליינער ווי מען קען זיך דערקוויקן מיט א שיינע חיזוק, א געדאנק, וכדומה וואס מען ליינט פון א חבר, און סיי עס ליגן אוצרות ביי אנשי שלומינו איינער וואס הערט די שיעורים פונעם ראש ישיבה איינער וואס ליינט די בריוו איינער וואס לעבט מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן איז לא ימלט אז עס פאלט אים נישט איין פון מאל צו מאל א שיין געדאנק, און עס איז ממש א שאד אז עס גייט פארלוירן, א מענטש האט נישט קיין צייט אפצושרייבן א חידוש, א ווארט אדער א געדאנק, און עס איז ממש חבל על דאבדין, הערליכע טייערע פערל דיימאנטן ווערן ממש טעגליך אוועקגעווארפן ווייל עס איז נישט דא א סענטער ווי מען זאל עס לייגן, דערפאר האבן מיר געעפענט די נקודות טובות אפטיילונג כדי אנשי שלומינו זאלן האבן א פלאץ ווי איבערצוגעבן זייערע געדאנקען. ליידער איז עס אבער זייער שוואך געווארן לעצטנס.*

*מיר זוכן איינער וואס זאל זיין ממונה אויף דעם אפטיילונג, איינער וואס קען זיך אונטערנעמען נאכגיין, און הערן פון אנשי שלומינו שיינע קורצע ווערטער. אויב זענט איר אינטערעסירט רופט אדער שרייבט צום רעדאקציע ביים נומער וואס שטייט אויף עמוד 2.*



משה ארי׳ שניטלער

# אין רעאקציע צום דמיון

וואס קען זיין שענער און בעסער ווי "פרישקייט"? מוהרא"ש פלעגט אונז אלץ דערמאנען אז "אין חסידות כתחילתו".

ביי די הערליכע שיעורים דאנערשטאג נאכט, פלעגט מוהרא"ש אסאך רעדן פון די כח פון התחדשות פון הייליגן רבי ר' זושא זי"ע. מוהרא"ש האט געזאגט אז דער הייליגער רבי ר' זושא האט נישט פארלוירן קיין האר פון די ארגינעלע "פרישקייט" פאר גאנצע צווי און צוואנציג יאר! מבהיל הרעיון! די מח דערהייבט פשוט נישט צו טראכטן ווי אזוי ס'קען זיין אזא זאך, אבער אונזערע מוחות קענען נישט פארשטיין אסאך זאכן פון צדיקים...

יעדע מאל איך טרעף א נייע מקורב וואס האט ערשט יעצט אנגעהויבן צו שפירן די זיסע לעכטיגע טעם פון זאגן משניות און גמרא, אדער פילן די דערלייכטערונג וואס באהערשט דעם מח ווען מ'געט א זאג "הייליגער באשעפער! נאר דו ווייסט וואס דרוקט מיך! איך בעט דיר מאך מיר גרינגער" פילט עס ווי איינער דערווארבט זיך א קאלט ג ל ע ז ל וואסער נאכ'ן שפרייזן א וואך אין א ברענענדיג-הייסע מדבר, אונטער א גליענדע זון, וואו א וואלקן באווייזט זיך נאר איינמאל א יאר.

לעצטע וואך מיטוואך הער איך דער עולם דערציילן איינער דעם צווייטן מיט דערהויבענע ברעמען און גלאנציגע צועפנטע אויגן "האסט געהערט? ס'איז דא א נייע שרייבער אין קרית ברסלב בלעטל!!"

שוין, איך האב שוין נישט קיין מנוחה... איך מוז זען פון וואס מ'רעדט...

למעשה, מיטוואך איז שוין געווארן שפעט ביינאכט, כ'האב מיך נישט געקענט קיין עצה געבן.

דאנערשטאג לויף איך מיט איין אימפעט צום קיאסק נעבן מיין הויז, איך מוז זען וואס טוט זיך מיט דעם נייעם שרייבער אין בלעטל! איך גיי עס שוין ארויספרינטן! למעשה, געב איך א טראכט, אז ס'איז שוין יא אזוי, אז ס'איז שוין יא דא א נייע שרייבער אין בלעטל, לאז עס שוין זיין מיט'ן גאנצן שמאלץ... לאמיך נישט זיין ווי די מענטשן וואס טרינקען זיסע אראנדזש דזשוס אין א זילבערנעם בעכער, קאלטע ביר אין א האט קאפ, הייסע קאפי אין א פלעסטיק קאפ, הערצאג נאפא וועלי אין א מארטיני' גלעסס, אייס קרים אויף א פעיפער טעלער, מאטיאש הערינג אויף א דזשעק ענד דזשיל קוקי, איז, גיימיר נ-י-ש-ט ליינען דעם מעכטיגן ארטיקל אויף א ווייסע, אכט און א האלב ביי עלף אינטש פאפיר! ניין! און ניין! מ'גיימיר ווארטן ביז דאנערשטאג נאכט נאך דער ראש ישיבה'ס שיעור, מיט געדולד וועל מיר שטיין ביים פיר קאנטיגן טישעלע פון אונזער טייערער חבר אלי ציג נ"י, מ'וועל מיר אריינווארפן א פינעווער אין ס'שווארץ קעסטעלע, און מ'וועל מיר האבן אין באזוץ דעם "ריכטיגן" קרית ברסלב בלעטעלע וואס איז אקארשט געווארן געדרוקט אין קרית ברסלב ליבערטי, און טאקע אויף די סארט הארטע קריספי קראנטשי גלאנציגע פאפיר וואס פארלאנגט מ'זאל מוזן לייגן דעם צווייטן פינגער אויף די באנעצטע לעפצן על כל דף ודף.

איך זע אז ס'האט זיך געלוינט צו ווארטן אויף די גלאנציגע מאגאזין! איך גלייב נישט וואס איך זע!

מ'רעדט דא פון די ריכטיגע סחורה! אונזער טייערער שרייבער ישראל דוד העסקל נ"י איז אריבער אלע ערווארטונגען!

אוי הייליגער באשעפער, העלף אז ישראלי זאל שרייבן יעדע וואך! לאמיר אלע צוזאמען מאכן א מעשה פון תפלה!

ישראלי, דו מוזט פארשטיין,

נישט נאר איז דיין שרייבעראציע פון העכסטן סארט, נאר ס'איז אזוי ארגינעל! אזוי נשמה'דיג! אזוי נישט צוגעפוצט!

וואס מיינט נשמה'דיג? נשמה איז טייטש אז מ'נעמט די אינעווייניגסטע באהאלטענע וויכטיגע נקודה, און מ'ברענגט דאס ארויס מיט ווערטער אז מ'זאל זיך קענען פארטראכטן דערין.

נאר אויסער דעם האסטו אויך באריט זייער א ווייכע פלאץ אין מיין הארץ, די וועג ווי דו ברענגסט ארויס ווי דו ביסט ערשט יעצט א קורצע צייט צוריק געוואויר געווארן אז מ'קען זאגן משניות און רעדן צום אייבערשטן און פילן די זיסע טעם אז אלעס איז גוט, אלעס איז זיס, ס'איז דא א באשעפער וואס זארגט פאר די גאנצע וועלט, האסטו מיך דערמאנט פון די ערשטע מאל וואס איך בין געווען ביי אונזער גרויסן רבי'ן, מאורינו ומדריכינו, מוהרא"ש זי"ע.

אוי, די בענקשאפט נאגט, די טרערן פליסן, די הארץ רייסט, די מח שטעלט זיך אפ, איך קען נישט פארגעסן דעם בילד!

ס'איז געווען שנת תשנ"ז, איך בין געווען א חתן, אפשר א חודש פאר די חתונה, אדער אביסל מער, איך זע קלאר דעם בילד ווי איך שטיי נעבן מוהרא"ש, ביי די טיר פון זיין צימער אויפ'ן ערשטן שטאק, גלייך נאך די הויפט אריינגאנג פון די גאס, דארט, אויף די לינקע זייט, האט מוהרא"ש געהאט א שטוב וואס האט אויסגעזען אביסל אזוי ווי א קליינע דיינונג-רום-סטיל שטוב, מיט צוויי פענסטערס צו די גאס, אין שטוב איז געווען א דיינונג רום טיש מיט זעקס בענקלעך, די גאנצע שטוב איז געווען אנגעפאקט מיט ספרים שענק אויף אלע פיר זייטן, פון די ערד ביז'ן דאך, די פענסטערס צום גאס איז געווען פארשטעלט פון ספרים שענק, אויך אויפ'ן טיש איז געווען אסאך ספרים.

מוהרא"ש שטייט אזוי ביי די טיר, פאר'ן אריינגיין, און איך געב אים א זאג אז איך בין א חתן און איך וויל הערן עפעס גוטע עצות אויף נאך די חתונה.

מוהרא"ש, דער חכימא דיהודאי, וואס האט געקוקט אויף יעדן איד אזוי ווי א דיימאנט, א אוצר וואס איז באשאפן פון באשעפער אליין, פאר גאר א וויכטיגע צוועק, געט א קוק אויף מיר און זאגט: "איך וועל דיר זאגן דריי זאכן, אז דו וועסט דאס טון וועסטו האבן א גוטע לעבן, איינס, מ'רעדט נישט צו א ווייב אויף אירע עלטערן. צוויי, מיט וויכוחים קומט מען נישט אן, מ'טענה'ט נישט מיט א ווייב. דריי, מ'דארף נישט פארציילן פאר די ווייב אלע דורכפעלער און שוואכקייטן".

איך וויל דאס אביסל איבערגיין, מוהרא"ש האט דאך געזאגט פאר דער ראש ישיבה: "פון יעדע דרשה וואס דו הערסט דא קענסטו מאכן טויזנט דרשות", יעדע מאמר פון מוהרא"ש קען מען פון דעם מאכן שיינע מטעמים אז אפילו א קינד פון דריי יאר זאל עס פארשטיין.

די ערשטע זאך, אז א אינגערמאן האט א זאך פון זיין שווער וואס שטערט אים, קען ער נישט זאגן פאר זיין ווייב אז איר טאטע איז א אומ'יושר'דיגער מענטש, עס וועט פשוט נישט ארבעטן, און ס'וועט נאך ארבעטן אויף פארקערט, קיין שום פרוי קען נישט הערן פון איר מאן א נעגעטיוו ווארט אויף איר טאטע מאמע. אזעלכע זאכן דערציילט מען פאר א ערליכ'ן רב אדער פאר א ערליכ'ן חבר. פאר די ווייב זאגט מען נאר אז איר טאטע איז א געשמאקער בא'טעמ'טער מענטש.

צוויי, מיט וויכוחים קומט מען נישט אן, אויב א יונגערמאן וואוינט, למשל, אין בארא פארק און ער וויל מופן קיין לעיקוואד, קען ער נישט "אויפווייזן" פאר זיין ווייב אז מ'מוז מופן אויף לעיקוואד, ער קען איר בעטן, ער קען איר זאגן וואס ער האט ליב אין לעיקוואד, אבער "אויפווייזן" ארבעט נישט.

דריי, אויב דער מענעדזשער אין ארבעט זאגט פאר'ן אינגערמאן: "דו טויגסט אויף גארנישט", דארף ער דאס נישט דערציילן פאר די ווייב, ותן לחכם ויחכם עוד, אז איינער האט נסיונות מיט שמירת עיניים וכדומה, דערצייל עס דעם אייבערשטן, נישט דיין ווייב.

ווען איך האב געהערט די ווערטער פון מוהרא"ש האב איך זייער שטארק געפילט אז דא רעדט מען צו די זאך, ווייניג דראמא און אסאך אויף אהיימצונעמען. מ'האט גלייך געפילט אז מוהרא"ש איז די פארקערטע פון א רעבע'לע וואס די עיקר איז אז "אונזערע" ברענטשעס

זאלן ווערן פארגרעסערט און פארברייטעוועט. מוהרא"ש'ס ברענטשעס איז געווען אז דו זאלסט אהיימגיין און האבן א זיסע לעבן.

די אנדערע זאך פון מוהרא"ש וואס ער האט געפאדערט פון אלע וואס זענען געקומען צו אים, דאס זאגן משניות און גמרא, דאס ליגט מיר נישט אזוי שטארק אין זכרון אז מוהרא"ש זאל עס זאגן פאר מיר דירעקט פון אנפאנג, אבער איך געדענק קלאר די פלאקער און ברען וואס איך האב באקומען צו אנקומען וואס מער.

ברוך השם, דער אייבערשטער האט מיר געמאכט א גרויסע נס אז איך האב זיך צוגעכאפט צום רבינ'ס דרך הלימוד ווי א מענטש וואס עסט נישט פאר צען טעג כאפט א שטיקל ברויט, איך האב גלייך אנגעהויבן ווי א תם, גענומען א גמרא ברכות און אנגעהויבן דף ב' מיט די תמימות פון א אפשערן יונגעלע וואס לעקט דעם אלף אויף די רבי'ס שויס...

(א עקסטערע זאך, איך דערמאן זיך ווי מיינע קינדערלעך זענען געזעצן ביי די דריי יאר אויף מוהרא"ש'ס שויס און ער האט זיי געשניטן אפאר הארעלעך פון פארנט, מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ער הייבט אן צו שערן ביי די פלאץ וואו מ'לייגט תפילין, כ'קען נישט גלייבן ס'איז שוין איבער צוואנציג יאר פון ווען מוהרא"ש האט געמאכט חאלאקע פאר מיין יוסעלע נ"י און היינט איז ער שוין מגיד שיעור פון כתה ט' און מנהל תלמוד תורה היכל הקודש, קרית ברסלב, ליבערטי, נ.י. – אבער לאמיר נישט אוועקגיין פון ענין.)

כ'האב פשוט נישט געקענט אראפלייגן די גמרא, אזוי ווי כ'האב געזען ווי די בלעטער רוקן זיך האב איך אנגעהויבן צו גלייבן, די ע-ר-ש-ש-ש-ט-ע מאל אין מיין לעבן אז איך גיי ענדיגן ש"ס! יא! איך! איך זע שוין די וועג!

מוצאי שבת פאר מיין חתונה האב איך זוכה געווען צו ענדיגן מסכת ברכות! די ערשטע מאל אין לעבן וואס איך האב באוויזן צו ענדיגן א מסכת!! די פילינג וואס איך האב דעמאלטס געהאט קען מען נישט באשרייבן!! כ'האב געמאכט א שיינע סיום פאר די משפחה, מיר האבן שיינע בילדער פון דעם הערליכן אומפארגעסליכן סיום.

אזוי שנעל ווי איך האב געענדיגט די ערשטע מסכת, האב איך געהאט די "אהא מאמענט", כ'האב געוואוסט אז דאס איז עס, כ'האב שוין א תירוץ אויף אלעם! די תירוץ איז נאך איין דף! און נאך איין דף! און נאך איין דף! איך האב אזוי שטארק געברענט צו ענדיגן ש"ס וואס שנעלער, כ'בין געווען פשוט פאר'שיכור'ט פון זאגן גמרא, כ'האב אין מיין לעבן נישט געפילט אזא זיסע טעם!

עס איז ממש א שאד, ווייל ווען מענטשן וואלטן געפילט די טעם פון זאגן בלעטער גמרא, וואלט עס יעדער געטון.

ווילסט וויסן וועגן פארשטיין? אז מ'זאגט אסאך קומט מען אן צו פארשטיין סאך מער ווי מענטשן מיינען.

אז מ'זאגט דורך ש"ס איינמאל, צוויי מאל, דריי מאל, שפאלט זיך די קאפ, מ'הייבט אן פארשטיין א שטיקל דא, א שטיקל דארט, עס איז פשוט א שאד נישט צו פרובירן.

איך בעט דיך, טייערע ישראלי, זיי נישט ברוגז אז איך האב דיך באדאנקט אזוי ברבים פאר דיין הערליכע ארטיקל.... אויב דו ביסט פון די טיפ וואס גלייכט נישט די סארט זאכן קען איך מיך פארענטפערן מיט א ווארט פון דער ראש ישיבה.

דער ראש ישיבה זאגט אלץ פאר די בחורים אין ישיבה אז ס'איז א נס אז זיי קענען דא זיצן און הערן די דרשות, ווייל דער זעלבער באשעפער וואס האט געמאכט אז הונדערטער טויזנטער אידן זאלן הערן די דרשות, האט געקענט מאכן אז דער ראש ישיבה זאל רעדן אין א פארמאכטע שטוב און אריין רעדן אין טעלעפאון אז מ'זאל עס קענען הערן ביז יענע עק וועלט, נאר ס'איז פשוט א נס וואס דער אייבערשטער האט גוזר געווען אז פופציג בחורים זאלן קענען דא זיצן און זיך מחי' זיין מיט די דרשות פון אמונה.

שוין א פאר וואכן וואס איך וויל עפעס שרייבן אין בלעטל, אבער, ווייסטער, קוים וואס מ'קומט אן, אבער יעצט בין איך געווארן אזוי איבערגענומען אז ס'איז דא מער שרייבערס, ס'קומט צו מער כוחות, פרישע כוחות, האב איך געמוזט ווידמען אן ארטיקל לכבוד ישראלי, איך אנערקען אז ישראלי האט זיכער געהאט נאך פארשידנס צו ארלעדיגן און נאכאלץ גענומען די מיה אונז מהנה צו זיין, קומט אים א מעדאל! די ארטיקל איז אין יור האנער!!





# צום פינטל

## א מסירת נפש איד, אדער טון וואס דער אייבערשטער הייסט?

שלענג... אינוועסטמענט... יוטא... ער נעמט דעם עולם אויף א רייד... ווי קומט אריין לאנדענע דמיונות... ער לאזט דעם עולם הענגן אינמיטן...

א העפטיגע טענה'ריי טוט זיך אין קאווע שטיבל, עס קאכט זיך איבער די מסוכנ'דיגע ארטיקל... פון די פאריגע צוויי וואכן, די טענה'ריי האט זיך עטוואס אפגעשטילט ווען איך האב אריינשפאצירט אין קאווע שטיבל, זעט אויס אז דער עולם האט געמיינט אז איך האב עס געשריבן... זיי האבן מיך נישט געוואלט פארשעמען, איך האב געזען אז הגם עס איז דא א קלייענטעל וואס זוכט ראולערקאוסטער ארטיקלען, אבער נישט יעדער איז געמאכט פאר שיעור עיון, קענסט נישט נעמען מענטשן אין צונאגלען צו א ארטיקל און נישט לאזן אויסלאזן קיין איין שורה, ווייל ער פארלירט די המשך.

שטיל האט מען שוין נישט געקענט בלייבן, נאך אזא העפטיגע שמועס, איין געניטער אינגערמאן האט שיין פארקירעוועט דעם שמועס צו די לעצטע שמחה וואס איז פארגעקומען דא אין שטעטל, פישי בן ר' ישראל חיים ברוין'ס בר מצוה, א קידוש השם געווען, א בר מצוה אינדערהיים, הערליך מיט א אידישע טעם, דער בר מצוה בחור האט געמאכט א סיום מסכת שבת מיט אלע חן, דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דעם פשעטל קען מען נישט אפפרעגן..." עס איז געווען א שיינער שמועס פונעם ראש ישיבה, איך ווייס נישט צו דער ראש ישיבה האט גערעדט פאר צען מינוט, אבער אין די פאר מינוט ליגט אזעלכע שיינע שכל, אזעלכע וויכטיגע עצות אין לעבן, פון יעדע סענטענס קען מען לעבן רואיג פאר זיבעציג יאר.

דער עולם גלייבט נישט אז עס פינטלט זיך טאקע א פשוטע ארטיקל... יעקב האט דאך אויך אויסגעפאפט לבן מיט "פינטעלעך..." זעט אויס אז אפשר איז יא דאס די וועג פון ארייננארן דעם יצר הרע וואס הייסט לבן, מען מוז זאגן אז מען גייט צום פינטל אבער עס איז נישט צום פינטל...

ווי אזוי עס זאל נישט זיין, דער גיסט אריין שטויבעלעך קאווע אינעם גלאז, דער ברענגט די רויטע מילך, און איינער זופט שוין א פיינע ווארימע קאווע, אינצווישן איז עס שוין פארוואנדלט געווארן אין א שיינע שמועס, א שטייענדיגע עצתו אמונה פארברענג, עס איז הערליך געווען צו הערן פון יעדעם זיין נקודה וואס ער האט געהערט ביי די בר מצוה, כשם שפרצופיהם שונות כן דעותיהם שונות...., אין קאווע שטיבל איז דא אסאך מיינונגען... איך הער דארט איינער געבט איבער - איך האב מיר עס פארצייכנט אריינצולייגן אין די נקודות טובות אפטיילונג, אבער ווי עס זעט אויס איז נישט דא די וואך די "בליצן און נאטיצן..." - א הערליך ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אויף אונזער הייליגע באבע שרה, שרה איז נישט נפטר געווארן ווייל זי האט געהערט אז מען האט גע'שחט'ן יצחק, פונקט פארקערט - האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכגעזאגט פון צדיקים, פריערדיגע צדיקים? נישט זיכער! דער ראש ישיבה האט סתם נאכגעזאגט בשם צדיקים - עס איז פונקט פארקערט, שרה איז נפטר געווארן ווייל זי האט געהערט אז אברהם האט 'נישט' גע'שחט'ן יצחק, זי האט נישט געקענט צוזיך קומען אז נאך די אלע נסיונות וואס אברהם אבינו איז אריבער און ער האט געפאלגט דעם אייבערשטן, און דא איז ער דורכגעפאלן, זי האט נישט געוויסט אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם שחט נישט!

מיר האט דאס שוין געגעבן שטאף פאר א נייע ארטיקל, זייער אסאך מאל זענען מיר אין א מצב וואס מען וויל זיין א מסירת נפש איד, איך וויל... איך וויל... אסאך מאל קען א מענטש מיינען אז ער דינט דעם אייבערשטן, אבער אין אמת'ן דינט ער זיך, אז זיין דמיון זאגט אים אז אפשיידן פון עסן, אפשיידן פון לעבן מיט א ווייב דאס איז "עבודת השם" פליט אים ארויס

די נשמה ווען ער הערט דעם דבר השם: "פרישות איז פארקערט פון אייבערשטער" אדער: "דער אייבערשטער וויל נישט יעצט פון דיר אז דו זאלסט דיך שחט'ן" אודאי זענען דא צייטן וואס דער אייבערשטער וויל אז דו זאלסט זיך לאזן שחט'ן, אבער מיר רעדן נישט פון דעם יעצט, מיר רעדן פון סתם כסדר'דיגע נסיונות וואס קומען פאר אין לעבן, א מענטש דארף זיך פרעגן: ווילסט דווקא זיין א "עובד השם" אדער דו ביסט גרייט צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט אפילו דו ווערט דורכדעם אויס עובד השם?

**דו ווילסט דינען דעם אייבערשטן? אדער דו ביסט מסכים צו טון וואס דער אייבערשטער זאגט דיר...?**

און דאס איז נישט דווקא ביי עבודת השם, עס איז אפילו ביי פשוטע זאכן, דארף איך יעצט זיצן אין בית המדרש לערנען מיט מסירת נפש? איך ווייס נישט, אפשר מיט דיין גיין ארבעטן טוסטו דאס וואס דער אייבערשטער האט דיר געהייסן, עס וויל זיך אזוי שטארק יעצט זאגן דעם יום תהילים, די קינדער קומען באלד אהיים פון חדר, זיי דארפן א אויסגערוהטע מאמע, מעג איך יעצט זיין א עובדת השם און זיך מוסר נפש זיין און זאגן תהילים, און איגנארירן דאס וואס דער אייבערשטער הייסט מיר יעצט טון: "לייג דיך אראפ אז דיינע קינדער זאלן האבן א אוסגערוהטע מאמע", מעג איך עס טון? איך ווייס נישט, איך בין נישט אין חינוך...! אבער אסאך מאל פאפט זיך א מענטש, ער מיינט אז ער דינט דעם אייבערשטן, דערווייל דינט ער זיין ווייסע מלאך, די תורה איז נישט קיין געפיל זאך, די תורה איז וואס דער אייבערשטער זאגט! אפילו עס קען זיין אז עס שטימט נישט מיט די פראטאקלן פון "עבודת השם".

אז איך בין אהיימגעקומען און די הויז פליט, מיין ווייב איז נישט אין א גוטע גוסטע, איך קען מיך יעצט אריינזעצן אינעם טארנעידא אריין מיט א משניות און אנהייבן זינגען גמרא מיט א ניגון... אוי אביי ורבא... מא מא מא מא מא מא מא מא מא מא... און עס קען זיין דו ביסט גערעכט, מען קען נישט זאגן פאר א מענטש: "יעצט איז דיין עבודה צו גיין צאמנעמען די הויז" אבער למיחש מיהו בעיה, אפשר! אפשר זאגט מיר דער אייבערשטער יעצט העלף דיין ווייב?

נו פון ווי קען מען טאקע וויסן? זאל איך יעצט לערנען? זאל איך העלפן אין שטוב? זאל איך גיין שלאפן? זאל איך זאגן תהילים? זאל איך מיך אפשיידן? אדער איך זאל בלייבן לופטיג? איך קען דיר נישט ענטפערן, און בפרט אז איך אליין האלט נאך פאר פרישטאג, און... אפשר איז דער רצון השם אז איך זאל אראפלייגן דעם פענע און גיין עסן פרישטאג, אדער טאקע נישט זיך זעצן צו א סעודה, אבער עפעס איבערבייסן... טועם זיין... זיך אנשפארן..., נו ווי קען מען זאגן פאר א מענטש וואס צו טון?

**מען קען נישט זאגן פאר א מענטש וואס צו טון!**

יא! אודאי קען מען זאגן פאר א מענטש וואס צו טון!

**העלאוי מאך אפ דיין מיינד, מ'קען יא אדער מ'קען נישט?**

מען קען זאגן פאר א מענטש: פרעג! פרעג דעם אייבערשטן!

דאס איז א זיכערע זאך, דער אייבערשטער וועט דיך קיינמאל נישט פארפירן, אז דו הערסט אמאל א שיינע עבודה, א שיינע הנהגה, עס צינדט זיך אין דיר אן א פייער: "איך גיי עס טון" אפשר מוז מען לאזן די פייער ברענען און טאקע אויספירן די הנהגה? אפשר? אבער אפשר נישט? נו וואס איז די עצה? די עצה איז, פרעג! פרעג דעם אייבערשטן.

אברהם אליין נאכן הערן פונעם אייבערשטן "שחט נישט", האט ער געוואלט מאכן כאטש עפעס א קליינע שניט, עפעס אוועקגעבן פארן אייבערשטן, אזוי זאגט רש"י, קוק אריין וועסטו זען, עס איז אינטערעסאנט, אבער דער אייבערשטער האט אים געזאגט "טו גארנישט!" זייער אסאך מאל איז סאך א גרעסערע נסיון צו זיין א פשוטע מענטש נישט קיין "מסירת נפש איד" און טון וואס דער אייבערשטער זאגט דיר צו טון יעצט.

יא! עס איז שווער, זייער שווער, איך האב נישט די סעטיספעקשן, איך וועל מיך נישט קענען קלאפן אין רוקן און זאגן: וואוו! ווי! דו ביסט גוט! איך האב מיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטן!

וועסט אבער קענען זאגן: וואוו! ווי! דו ביסט גוט! דו האסט זיך געקענט שטארקן אויף דיין תאוה פון זיין אן עובד השם, און טון וואס דער אייבערשטער וויל דו זאלסט טון יעצט.

**פארשטיי למעשה ווייל עס איז זייער בקיצור!**

זאג יעצט ארויס אפאר דיבורים, בעט דעם אייבערשטן זאלסט וויסן וואס צו טון: "**אייבערשטער איך וויל טון וואס דו ווילסט אז איך זאל טון, פיר מיך אויף די ריכטיגע וועג, העלף מיר אז איך זאל מיך נישט פאפן, העלף מיר איך זאל נישט פארלירן מיין לעבן מיט דמיונות און פאנטאזיעס, העלף מיר לעבן א לעבן מיט דיר הייליגער באשעפער, ווייז מיר די ריכטיגע וועג ווי אזוי איך זאל מיך פירן, ווייל איך קען מיך נישט העלפן אליין"!**

אזוי צו אזוי, האבן זיי זיך גוט ארויסגעדרייט פונעם שמועס, און חברה איך האב פאר אייך נייעס אז מען האט עפעס צו זאגן קען מען זאגן, נישט דאס מיינט חיזוק אז מען זאגט וואוו ווי מורא'דיג! מען מעג זאגן פאר א מענטש דו שרייבסט גוט אבער איך האלט אז עס אביסל צו לאנג/קורץ/געדרייט/גראד

וואס האסטו טענות? מען ווייסט נישט ווער איז דער וואס שרייבט, ווי זאלן זיי וויסן פאר וועמען צו זאגן.

# שטעטל נייעס

## שיינעם באזוך פונעם ראש ישיבה אין שטעטל



פארגאנגענעם מיטוואך און דאנערשטאג חיי שרה האט דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל, און ארום געגאנגען באזוכן אין אסאך פלעצער, אויפן וועג אהיים פונעם באזוך האט דער ראש ישיבה אפגעשריבן אין א בריוו אלעס וואס ער האט מיטגעהאלטן אין שטעטל, מיר וועלן דא ציטירן די חלק וואס רעדט פון דעם באזוך: נעכטן נאכט בין איך ארויסגעפארן אין שטעטל צו א בר מצוה ביי א חשוב'ע משפחה ביי אונז אין די קהילה. דער בר מצוה בחור האט מסיים געווען ביי די בר מצוה מסכת שבת, דאס איז געווען באמת זייער פשוט.

ביי די בר מצוה האב איך געזאגט אז עס איז מיר נישט גרינג ארומצופארן צו שמחות, דאך בין איך ארויסגעקומען צו די בר מצוה, היות די עלטערן האבן געמאכט די סעודת בר מצוה אויף א פשוט'ע אײדעלע אופן ביי זיי אין שטוב, און איך האף אז אנשי שלומינו וועלן זיין קלוג און דאס נאכמאכן, נישט אויסצוגעבן אומזיסטע געלט און זיך מאכן חובות פאר די פאר שעה, צו פראווענען א שמחה אין א זאל וכו' וכו'.

אויך האבן מיר גערעדט פון דאס גרויסקייט פון די אבות און די אמהות. מיר זעען אין די וואכעדיגע סדרה, אויפ'ן פסוק (בראשית כג, א): "שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה", זאגט רש"י: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", ווי צדיקים טייטשן: עס איז איר שטענדיג גוט געווען; די אבות און די אמהות האבן געהאט אזא קלארע לויטערע אמונה, זיי האבן געוויסט אז אלעס וואס גייט אריבער אויף זיי - איז פאר זייער טובה.

ווייטער זאגט רש"י הקדוש (שם, ב): "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוֹרַת הָעֲקֵדָה שֶׁנִּזְדַּמֵּן בְּנָהּ לַשְּׁחִיטָה וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחַט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וָמֵתָה", שטייט פון ספרים, וואס איז די כִּמְעַט 'שֶׁלֹּא' נִשְׁחָט, עס וואלט לכאורה געדארפט שטיין כִּמְעַט 'שֶׁנִּשְׁחָט', אויבנאויף איז דאך דאס געווען די סיבה פון איר מיתה, אז זי האט געהערט כִּמְעַט 'שֶׁנִּשְׁחָט'?! זאגן זיי א פארקערטע בחינה, אז שרה אמנו האט געוויסט אז אברהם אבינו איז געגאנגען טון די ווילן פונעם אייבערשטן, און ווען זי האט געהערט אז 'שֶׁלֹּא' נִשְׁחָט - פון דעם האט זי זיך דערשראקן, זי האט נישט געוואלט גלייבן אז איר מאן אברהם אבינו און איר זון יצחק האבן זיך נישט געקענט שטארקן אויפ'ן שטן און טון די ווילן פונעם אייבערשטן; ווי קען זיין, נאך אזויפיל נסיונות, און ער איז אלעס ביי'געשטאנען - האט ער יעצט נישט געטון די ווילן פונעם אייבערשטן, פון דעם איז געווען מיתת שרה. אבער באמת האט אברהם אבינו יא געטון רצון ה', ווייל דער אייבערשטער האט אים נישט געהייסן שחט'ן יצחק, נאר געזאגט (שם כב, ב): "וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה".

דער בר מצוה בחור איז געזעסן מיט א ליכטיגע פנים; אזוי פרייליך. דאס איז די חינוך פון אונזערע מוסדות, ווי די מלמדים און לערערינס לייגן אריין אין די קינדער זיי זאלן זיין גרייט פאר די לעבן, זיי גרייטן אן די קינדער וואס איז א בר מצוה; נישט א זאל, נישט א שפילער, נישט א פארטי פלענער, נישט בלומען וכו' וכו', נאר אז מען גייט זוכה זיין צו לייגן תפילין, מען גייט אריין לעול התורה והמצוות. און אזוי אויך ביי די מיידלעך, די לערערינס לייגן אריין אין די מיידלעך וואס איז חתונה האבן; נישט א זאל, נישט בלומען, נישט א טייערע כלה קלייד, נישט טייערע צירונגען וכו' וכו', נאר לעבן א שיינע זיסע לעבן, אזוי ווי דער אייבערשטער הייסט.

נאך די בר מצוה בין איך צוגעגאנגען צום נייעם ספרים געשעפט, דער בעל הספרים סטאר האט מיך מכבד געווען צו קלאפן מזוזה. עס איז מיר זייער געפָאלן דעם געשעפט, ער האט דארט אן אויסוואל פון ספרים פאר אנשי שלומינו וואס ווילן לערנען און מסיים זיין כל התורה כולה. אנגעפאנגען פון חומש - שיינע חמשים, נ"ך - הערליכע סעטס נ"ך, משניות - הערליכע סעטס משניות, תלמוד בבלי - הערליכע שיינע גמרות מיט גרויסע געפינטלטע אותיות, און אזוי אויך תלמוד ירושלמי. הערליכע סעטס רמב"ם. טור, שלחן ערוך. הערליכע סעטס מדרשים, אלע סארטן מדרשים; איך האב זיך געקויפט א סעט מדרש, איינע פון די מדרשים וואס האט מיר געפעלט. הערליכע זוהר, הערליכע תיקונים, אלע דעם רבינ'ס ספרים.

אויך האט ער אריינגעברענגט טעוועלעך שמירה ליולדת, וואס אגב, איך האב אים דאס געבעטן אריינצוברענגען, ווייל איך האב געזען אז אנשי שלומינו ווייסן בכלל נישט פון דעם, אז מען פירט

<<<<



זיך אויפצוהענגען אינעם שטוב פון די יולדות, אויף אלע פיר ווענט - די טעוולעך פון די שמירה.

איך בין אריין צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פאר די וואך נאכט פון מיין זון יצחק דוד נרו יאיר, איך האב געפרעגט מוהרא"ש וואס איך דארף טון, צי איך דארף אויך זיין און לערנען א גאנצע נאכט, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "דארפסט נישט אויף זיין א גאנצע נאכט, איין זאך יא, הענג אויף די טעוולעך אויף אלע פיר ווענט".

פון דארט בין איך געגאנגען קלאפן א מזוזה ביי א חשוב'ע משפחה, משפחת זוסמאן - וואס האבן זיך יעצט אריינגעצויגן אין איינע פון די נייע דירות אויף טווין ברידזש.

איך האב איבערגעזעכטיגט ביי מיר אין שטוב. היינט פארטאגס האב איך געהאט גרויס נחת זייענדיג אין בית המדרש אין שטעטל, זען אברכים זיצן און לערנען, מען איז זיך קובע עיתים לתורה.

איין פראבלעם האב איך יעדעס מאל וואס איך קום אין שטעטל, עפעס וואס שטערט מיר זייער שטארק; פארוואס איך וואוין נאכנישט דא. ווען איך קום אין שטעטל זאג איך פאר מיין ווייב: "פארוואס קען איך נישט דא וואוינען, פארוואס דארף איך זיין אין שטאט?"

איך האב זיך זייער געפריידט צו קענען טרעפן אונזער דיין שליט"א, ער האט מיר איבערגעגעבן זייער שיינע גרוסן סיי פון די כולל אינגעלייט און סיי פון אלע משפחות וואס פרעגן שאלות, איך האב מיט אים גערעדט זייער וויכטיגע זאכן וכו' וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען אנגרייטן א פלאץ, אז די ישיבה הקדושה זאל זיך קענען ארויסציען, אזוי וועל איך קענען קומען און זיין אין די שיינע ליכטיגע שטעטל.

איך האב געטראפן הרב רבי יצחק שליט"א, און איך פריי זיך זייער צו קענען אריינעמען אין מיין שטוב אזא גאסט, ווי עס זעט אויס וועט הרב רבי יצחק שליט"א איינשטיין ביי מיר אין שטוב דעם שבת הבאו עלינו לטובה. די תפילות, די באטע און די שלש סעודות וועלן געפראוועט ווערן אין האשקי שול, דאס וועט זיין א גרויסע חיזוק פאר אלע משפחות פון אנשי שלומינו.

יעדער מענטש האט עפעס א שפילצייג וואס מיט דעם שפילט ער זיך, אזוי אויך האט יעדער מענטש עפעס א זאך וואס דאס איז ביי אים זייער באליבט, א זאך וואס מען דרוקט זיך אויס: "דאס איז מיין בעבי"; מיין זאך איז "אונזערע קינדער".

איך טראכט, הלוואי וואלט איך געקענט זיין א באס דרייווער, ארומפארן איינדערפרי און אויפנעמען די ליכטיגע קינדערלעך, צו באגרוסן מיט "א גוט מארגן", צו אויפנעמען מיט א ריזיגע שמייכל.

איך טראכט, הלוואי וואלט איך געקענט זיין א באס רבי און אפווארטן די טייערע קינדערלעך, אראפגיין פון באס און זיי אויפנעמען מיט א הויכע געשריי מיט'ן קינד'ס נאמען: "א גוט מארגן", מיט א זאפטיגע שמייכל.

איך טראכט, הלוואי וואלט איך געקענט זיין א מלמד, זיצן מיט די קינדער, תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, און אריינלייגן אין זיי לעבן, מוט, ווייזן פאר יעדן איינציגן קינד 'דו קענסט אויך זיין א גרויסער צדיק', און אזוי יעדע זאך וואס האט מיט קינדער.

ווען איך זע דעם קעכער וואס גרייט צו עסן פאר די קינדערלעך, טראכט איך, הלוואי וואלט איך געקענט שניידן ירקות, קאכן אייער און שמירן ברויט פאר קינדער וואס קומען לערנען די הייליגע תורה, און ווען איך זע דעם לאנטש מלמד טראכט איך, הלוואי וואלט דאס געווען מיין זאך; יעדן טאג נעמען די קינדער ביי הפסקה שפילן מיט זיי באלי און מאכן יעדע קינד שפירן אז ער קען די בעסטע די שפיל וכו' וכו'.

גלייך איינדערפרי האב איך געזען איינער פון די חשוב'ע מלמדים וואס פירן די באס און אים געבעטן: "איך וויל מיט דיר מיטגיין ארומפארן די שטעטל"; וואס זאל איך דיר זאגן, דאס געבט מיר כח. ביי יעדע שטוב וואו די באס שטעלט זיך אפ בין איך אראפגעקומען פון באס, איך האב געגעבן א שריי: "א גוט מארגן! שלום עליכם!" און אויך א גאנצע וועג אויפ'ן באס האב איך פרייליך געמאכט די קינדער. די שטעטל איז שוין גרעסער, עס זענען שוין דא צוויי באסעס וואס נעמען אויף די קנדער, איך בין נאר געווען מיט איין באס.

ניין אזייגער, ווען די קינדער זענען אנגעקומען בין איך געגאנגען דאווענען שחרית מיט די עלטערע קינדער, די ישיבה קטנה פון קרית ברסלב; דער מגיד שיעור זייערער איז הרב ישראל יוסף שניצלער שליט"א, וואס ער טוט מיט די בחורים - איז נישט צום באגרייפן.

איך האב אנגעטון תפילין פאר'ן פרישן בר מצוה בחור אפרים פישל נרו יאיר און נאכן דאווענען איז געווען א שטיקל לחיים.

איך האב געגעבן א שיעור פאר די מלמדים און לערערינס; איך האב זיי דערציילט די גוטע נייעס אז ברוך ה' האברך נתן יוסף ברוך בן טויבא וואס דארף א רפואה שלימה איז שוין ארויס פון די רעספערעיטאר און זיין מצב ווערט בעסער און בעסער, דאס איז אין זכות פון די תפילות וואס מיר אלע בעטן און וואס די קינדער בעטן.

יעצט בין איך אויפ'ן וועג קיין קרית יואל, צו מחזק זיין די חדר און בית פיגא אין קרית יואל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

<<<<

## א געהויבענער שבת מיט הרב רבי יצחק שליט"א



גאר א דערהויבענעם שבת איז אריבער אין שטעטל במחיצת הרב רבי יצחק לעזער שליט"א פון יבנאל עיר ברסלב, אסאך געסט זענען געקומען ווייל שבת אין שטעטל כדי צו מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת מיט'ן גרויסן גאסט.

די תפילות און טישן איז פארגעקומען אין בית המדרש הגדול אויף די האשקי גאס, פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש צו זינגען צוזאמען זמירות שבת, דערנאך האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברי תורה פונעם גרויסן גאסט, וואס האט גערעדט שטארקע התחזקות איבער די נושא פון זיך שטענדיג באנייען, מען קען אמאל טרעפן א איד וואס מען האט שוין נישט געטראפן פאר א לענגערע צייט, און ער רופט זיך אן צו דיר "אה איך געדענק דיר נאך פון א צייט צוריק", אבער דער אמת איז, דו געדענקסט אפשר מיין גוף וויאזוי איך זע אויס פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג בין איך בכלל נישט דער זעלבער מענטש, איך טו שוין לאנג נישט די זעלבע מעשים וואס איך האב דעמאלט געטון, איך גיי מיר נישט לאזן קלאפן פון דעם יצר הרע וואס וויל נאר אז איך זאל געדענקען מיינע אלטע שלעכטע מעשים, און אזוי האט שרה אמינו געלעבט שטענדיג, יעדן טאג איז געווען א נייע זאך, זי האט געהאט "שני חיי שרה" צוויי סארטן לעבנ'ס, איינס איז די אינדרויסן, זי האט שוין טאקע געהאט קנייטשן אויפן פנים, אבער אינעווייניג איז זי געווען פריש.

אינדערפרי האט מען געדאווענט צוזאמען א ווארימע דאווענען, נאכן דאווענען האט מען פארגעלערנט סיפורי מעשיות די ערשטע מעשה, דער הייליגער רבי הייבט אן: אויפן וועג האב איך דערציילט א מעשה וואס ווער עס האט געהערט די מעשה האט געהאט א הרהור תשובה. רבי יצחק איז אריין אין א שיינע שמועס: "דא אויף די וועלט איז מען אויפן וועג אנצוקומען צו די אייביגע וועלט, ווילאנג מען איז דא אויפן וועג כאפט מען אריין צו טוהן מצות ומעשים טובים".

א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זי"ע, ער קומט אריין אין שטוב זעהט ער אז עס איז דא דארט א אלטע טיש און בענקלעך, פורניטשער איז בכלל נישט דא, פרעגט ער דעם חפץ חיים: "וואו איז די פורניטשער"? פרעגט אים דער חפץ חיים צוריק: "און וואו איז אייער מעבל"? זאגט דער איד: "מיין מעבל איז אינדערהיים, איך האב דארט הערליכע מעבל, יעצט בין איך פשוט אינטערוועגנס, איך גיי נישט מיטשלעפן מיט מיר די מעבל". האט זיך דער הייליגער חפץ חיים אנגערופן צו דעם איד: "איך בין אויך אויפן וועג, איך בלייב נישט אייביג דא אויף דער וועלט, עס איז נאר א דורכגאנג, דארט אויף יענע וועלט האב איך גאר שיינע מעבל וועקגעלייגט".

אויך האט מען ארום גערעדט פון דעם וויאזוי א מענטש קען וויסן אויב ער וואוינט אויפן ריכטיגן פלאץ, אפשר איז מיין פלאץ נישט אין ברסלב'ן שטעטל? אפשר דארף איך וואוינען ערגעץ אנדערש? נאר די סימן איז, אויב דו האסט שמחה, אויב דא ביזטו א צופרידענער פרייליכער מענטש, און וועם דו טרעפסט געבסטו אים א גוט ווארט, אזוי אויך אין שטוב זעהסטו נאר די גוטס אויף דיין ווייב און קינדער, איז א סימן אז דא איז די גוטע פלאץ.

ביי שלש סעודות האט רבי יצחק שליט"א ארום גערעדט פון דאס גרויסקייט פון א איד וואס וויל זיין א ערליכער איד, און ער זאגט דאס ארויס צום אייבערשטן: אויך האט רבי יצחק שטארק ארום גערעדט פון די וויכטיגקייט פון האבן א מורה דרך וואס ווייזט דיר א וועג אין יעדן מצב וויאזוי זיך צו פירן, אפילו ביים רבי'ן אליין אין ברסלב, דארף מען אויך האבן א צדיק וואס זאל דיר זאגן וואס דער רבי וויל פון אונז, און דאס האבן מיר געהאט אין דעם דור, אזא צדיק ווי מוהרא"ש וואס האט גענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ופשיטות אן קיין דריידלעך, און אונז אויסגעלערנט צו גיין אויף דעם וועג, און אז וואס מען קען נאכנישט פאלגן בעט מען דעם אייבערשטן אז איך זאל עס סוף כל סוף קענען מקיים זיין, למשל אזא זאך ווי דער סדר דרך הלימוד, פון וועגן מוהרא"ש האט געזען דעם שיחה אין שיחות הר"ן האט ער עס אנגענומען אן קיין פשרות, און נישט נאר דאס, נאר ער האט געמאכט זיכער אז די גאנצע וועלט זאל אויך וויסן דערפון.

זונטאג האט רבי יצחק שליט"א באזוכט אין חדר ביי אלע קלאסן, און גערעדט צו די קינדער אז זיי זאלן גיין אין די וועגן פון יעקב איש תם "תם" איז די ווערטער תהילים און משניות, די צוויי זאכן האלט דעם מענטש ערליך.

דערנאך האט רבי יצחק שליט"א אפגעשטאט א באזוך ביים בית הדפוס פון וואס רבי יצחק האט גאר שטארק הנאה געהאט צו זען וויאזוי מען דרוקט טויזענטער קונטרסים צו מפיץ זיין פאר אידן איבער די גאנצע וועלט.

# היכל הקודש נייעס

קרית יואל

## חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל בהשתתפות הראש ישיבה שליט"א



א גרויס שמחה האט געהערשט אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, ווען די כיתה א' קינדער האבן זוכה געווען צו ענדיגן די הייליגע אלף בית און די עברי, און מען האלט שוין יעצט ביים אנהייבן צו לערנען די הייליגע פסוקים פון חומש.

פאראנגעגאנגענעם דאנערשטאג חיי שרה האבן די קינדער געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געקומען אין חדר מחזק זיין די מלמדים און די קינדער און דערביי זיך דערקוויקט מיט נחת ווי די קינדער וואקסן און בליען אזוי שיין.

ווי דער מנהג איז, אז ווען מען הייבט אן חומש הייבט מען מיט די ערשטע פסוקים "פרשת ויקרא" וואס רעדט זיך פון די קרבנות, און מען מאכט א גרויסע שמחה אין חדר, עס זאל אריינגיין אין די קינדער א געשמאק אין די הייליגע תורה.

די מלמדים האבן געמאכט שיינע פאפירענע קרוינען א "כתר תורה" וואס אלע קינדער האבן אנגעטון, דער ראש ישיבה האט זייער באוואונדערט ווי וואויל די קינדער פירן זיך אויף, דער ראש ישיבה האט געזאגט וואס פארא נחת דאס איז ווען ער זעט ווי די קינדער פירן זיך אויף מיט גרויס דרך ארץ.

די קינדער האבן געזינגען לכבוד דעם גרויסן מעמד שיינע פאסיגע ניגונים "ס'איז בעסער צו לערנען די הייליגע תורה", "והערב נא", "איך וויל נאר לערנען די הייליגע תורה".

דערנאך האט מען געפרעגט די שאלות אויף פרשת ויקרא ווי דער מנהג איז, און די מלמדים האבן פארציילט פאר די קינדער ווי אלע נשמות וועלט זענען מקנא א אידיש אינגל אויף דער וועלט וואס איז זוכה און כאפט אריין א פסוק חומש.

דערנאך האבן די קינדער מיט די מלמדים געלערנט אינאיינעם די ערשטע פסוקים פון פרשת ויקרא.

נאדעם האבן די קינדער געזונגען מיט גרויס שמחה דער ניגון "א מחיה חומש", און נאך שיינע ניגונים.

דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער עטליכע ווערטער איבער כיבוד אב ואם, ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן צו פאלגן א טאטע און מאמע און זיי נישט מוטשען. אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די קינדער איבער אמונה, ווי דער אייבערשטער איז דא מיט אונז, און הערט אונז אויס אלעס וואס מיר רעדן, און איבער די גרויסקייט פון "רעדן צום אייבערשטן". דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט די קינדער ווער עס האט "מעשיות פון תפלה", און די קינדער האבן זיס פארציילט איינע נאך די אנדערע ווי זיי בעטן דעם אייבערשטן און ווי דער אייבערשטער האט זיי געהאלפן.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה פארטיילט פאר אלע קינדער א ציקערל און געזאגט פאר די קינדער זיי זאלן מאכן א ערליכע ברכה פארן עסן און נאכן עסן.

פאר דער ראש ישיבה איז געגאנגען האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע ווערטער צו די געטרייע מלמדים, די מלמדים האבן איבערגעשמועסט פארשידענע ענינים איבער וויאזוי צו פירן דעם חדר, און דער ראש ישיבה האט מחזק געווען די מלמדים זיי זאלן ווייטער ממשיך זיין מיט זייער הייליגע ארבעט פון ערציען דעם קומענדיגן דור, אז אויך זיי זאלן לעבן מיט'ן אייבערשטן.

**טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף**

<<<<

## וויליאמסבורג

## שיעורים אין ירושלמי ווערט אויפגעכאפט צו קענען מיטהאלטן פון איבער די גאנצע וועלט



הונדערטער אידן זענען זיך מחיה יעדן טאג מיט די פילע שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, אנגעהויבן מיט די באקאנטע חיזוק שיעורים פאר די בחורים, וואס איז שוין היינט דא קרוב צו צוויי טויזנט אפגעכאפטע שיעורים, דערנאך מיט די בארימטע שיעור ליל שישי פאר אינגעלייט, וואס איז שוין אנגעהויפענט נאך עטליכע הונדערט רעקארדירטע שיעורים, אזוי אויך זענען זיך די פרויען מחיה מיט די בערך הונדערט שיעורים פאר פרויען, די וואס פארשטייען נאר לשון הקודש דערקוויקן זיך מיט די בערך פופציג שיעורים אין די ארכיוון פון שיעורים אויף לשון הקודש, די ענגליש רעדנדע שלונגען מיט דורשט די קרוב צו פופציג ענגלישע שיעורים, אזוי אויך זענען זיך פילע מחיה מיט די בערך דרייסיג דרשות וואס איז אפגעכאפט פון פארשידענע געלעגנהייטן, מיט די עטליכע הונדערט שיעורים אין משניות, מעשה'לעך פאר קינדער, שיעורים אין חינוך, שיעורים אין שיר השירים, און קנאפע טויזנט שיעורים אין גמרא בבלי אנגעהויבן פון מסכת ברכות ביזן יעצטיגן דף אין מסכת נדרים, וואס דאס אלעס איז אפגעכאפט געווארן וואס מען קען אייביג איבערהערן אויף קול ברסלב.

יעצט האט דער ראש ישיבה באשלאסן אז לכבוד די אנהייב פונעם מחזור ירושלמי פון היינט מאנטאג ויראו, וועט מען אנהייבן אויפצוכאפן די שיעורים אויף ירושלמי, וואס וועט באנרייכערן אלע צוהערערס, ווען מען וועט קענען הערן די הייליגע ווערטער פון חז"ל מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן וואס ווארפט א פרישע ליכט אין די ווערטער פון די הייליגע תנאים און אמוראים, ווען מען שפריט ווי זיי רעדן צו מיר און געבן מיר א וועג צו קענען לעבן א גוט לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

די שיעורים זענען קורץ און שארף, און נעמט נישט מער פון בערך צען-פופצן מינוט א טאג, אבער מיט דעם אלעם איז עס קלאר און געשמאק אראפגעלייגט אז אפילו א מענטש וואס איז פאריאגט און פארפלאגט און האט נישט די קאפ אויפן פלאץ זאל אויך קענען פארשטיין און מיטהאלטן די הייליגע ווערטער פון חז"ל.

יעצט ביי דעם געלעגנהייט איז דער ריכטיגער צייט זיך מיטצוכאפן מיטן שיעור, און אי"ה אין בערך פיר יאר ארום קענען זינגען מיט פרייד "הדרן עלך תלמוד ירושלמי, ודעתן עלך תלמוד ירושלמי".

## קרית ברסלב

## נייע קונטרס "א וועג צו לערנען" ארויס פון דרוק



הרב רבי יצחק שליט"א קוקט ארויך דעם נייעם קונטרס אינעם בית הדפוס אין קרית ברסלב ליבערטי - א' תולדות

ברוך שהחיינו וקיימנו, אז מען האט יעצט זוכה געווען אז דער הייליגער ספר "סדר דרך הלימוד" איז געווארן איבערגעזעצט און געדרוקט צום ערשטן מאל אויף אידיש. פונעם קרן הדפסה געבט מען איבער אז די פארלאנג פאר דעם הייליגן ספר איז אומגעהויער גרויס, מען האט עס שוין אין די ערשטע וואך איבערגעדרוקט עטליכע מאל, און מען קען ממש נישט נאכקומען דער גרויסער פארלאנג.

אידן זענען דורשטיג פאר די הייליגע ווערטער פון רבי'ן, מענטשן האבן שוין געהערט איבער דעם ברסלב'ן דרך פון "זאגן", און פון די אנדערע זייט הערט מען פון ליצים אפשפעטן, און ווען מען באגעגנט דעם הייליגן ספר, און מען זעט די ווערטער פון מוהרא"ש און פון הייליגן רבי'ן, דאס געבט די כח זיך צו שטארקן אויף אלע ליצים און ליידיג-גייער, און דאס הארץ ווערט אויפגעפלאמט, מען הערט אויף פארברענגען די צייט מיט נארישקייטן. מען הייבט אן לערנען אסאך משניות, גמרא, שולחן ערוך, און כל התורה כולה, און מען ווערט צוגעקלעבט צום אייבערשטן.


Get Service
LIKE A KING
EXPERIENCE EXCLUSIVITY
Design • sruliheskel@gmail.com
CUSTOM SHOWROOM BY YANKY
EXPERIENCE EXCLUSIVITY
Scan here to sign up to our status and stay updated with the latest designs and trends
CUSTOM
SHOWROOM
BY YANKY
Now offering private appointments
917-474-6118
csbyyanky@gmail.com
@customshowroombyyanky
We are now offering a premium service where you can get all the Judaica you need hassle free
Eurochos // Mantelach // Kitel // Talis Bags // Tefilin Bags // Personalized Tzizis // Custom Challah Covers

# רעגולער אדער דיקעף?






ישראל דוד העסקעל

**זאג** נאר, ביי ענק איז דא מופתים?

יא! ער האט מיך געכאפט... וואס ענטפער איך יעצט?

א מינוט, א מינוט, ווער האט דיך געכאפט? וואס האסטו שוין ווייטער געטון? אלעמאל פונקט דיך, איך קען שוין דיינע מעשיות...

ניין לאמיך דיר מסביר זיין... איך האב א חבר וואס איז זייער א נייגעריגער, אויך איז ער א שטיקל מבקש, ער האט ליב צו וויסן און פארשטיין, און שטרעבט צו קענען שטרעבן...

ער קלאפט אריין ביי מיר אינדערהיים איין זונטאג, ער ווארט נישט פאר קיין כיבודים ער גייט גראד צום פוינט - **"וואס האט פאסירט מיט דיר?"**

איך קוק אים אן... "וואס ווילסטו פון מיר? כ'האב נישט קיין אנונג פון וואס דו רעדסט, גארנישט האט נישט פאסירט, אלעס איז בסדר געלויבט דער אייבערשטער", איך פרעג אים צוריק: "וואס האט פאסירט? וואס רעדסטו וועגן?"

ער קוקט מיר אן ער זאגט מיר: **"האק נישט אין קאפ, דו ווייסט זייער גוט וואס איך וויל, נא זאג שוין, וואס גייט פאר? ס'איז א מידלייף קרייסעס? עפעס איז אינגאנצן אנדערש, איך מוז וויסן וואס גייט פאר!"**

איך קוק אים אן מיט די גרעסטע מאס תמימות, איך פרוביר צו טראכטן, איך ווייס באמת נישט וואס ער וויל פון מיר, געלויבט דער אייבערשטער מיין פרנסה איז מסודר, מיין משפחה איז געזונט, מיינע קינדערלעך האבן א חדר, איך האב א דאך איבערן קאפ, וואס האט פאסירט וואס רעדט ער וועגן?

זעענדיג אז איך ווייס טאקע נישט וואס ער וויל פון מיר, זאגט ער מיר אז לעצטנס ווען ער שפאצירט דורך מיין הויז הערט ער א קול תורה, ער האט קודם געמיינט "אקעי, ס'מאכט זיך, ער האט געכאפט א גוטע מינוט, ער איז אויף א היי אויף א אפּ, ער פליט יעצט, מארגן גייט ער צוריק טשילן, והכל על מקומו יבא בשלום"...

אבער ס'גייט דורך איין וואך און נאך א וואך, א חודש און נאך א חודש און ער גייט אן... ער קוקט מיך אן און פרעגט מיר: **"וואס האט פאסירט? דו פלאנסט שוין צו שטארבן? קום און ענדשוי דיך אביסל! וואס איז דאס מיט דיר?"**

יא! איך פלאן צו שטארבן! און איך האב גרויס נייעס פאר דיר אז פאר דיר איז אויך דא א פלאן צו שטארבן, צו דו ווילסט יא צו דו ווילסט נישט, און אפילו



דו טראכסט נישט פון דעם גייט עס עניוועי געשען... און מ'דארף כסדר דאס חזר'ן און געדענקען, אזוי ווי די משנה זאגט: "דע מאין באת ולאן אתה הולך ולמי אתה עתיד ליתן דין וחשבון!"

יעדן טאג וואס דו אטעמסט האסטו נאך אן געלעגנהייט ארייןצוכאפן לערנען תורה און טון מצות ומעשים טובים, זיך אנצוגרייטן אויף יענער וועלט! יא, איך גיי איין טאג שטארבן, אבער ווי לאנג איך לעב לאמיך ארייןכאפן און טאקע לעבן - ווייל ברענען צייט איז נאך ערגער פון זיין טויט!

**אקעי, עד כאן! דו ביזט ארויף אויף מעדיקעישן? וואו קומט צו דיר אזא שפראך? איך קען דיך, וואס גייט פאר, זאג מיר דעם אמת!**

דא האב איך שוין אנגעהויבן כאפן וואס ער וויל, "אה דו מיינסט דאס אז איך לערן?"..."

**יא איך קוק דיך גוט נאך און דו ביסט נישט צום דערקענען, אלעמאל פריילך, דו דאוונסט, דו לערנסט, איך וועל דיר זאגן דעם ריינעם אמת, קודם האב איך געמיינט אז ס'האט דיר סתם געכאפט א תקופה אבער איך זע דו גייסט אן פעסט, ס'נישט סתם עפעס א דורכגאנג, דערצייל מיר די סודות...**

אוודאי! איך האב נישט געכאפט וואס דו רעדסט בכלל, אה, לאמיך דיר פארציילן: "איך האב געטראפן א לעכטיגקייט וואס הייסט ברסלע -

**וואס?! ביסט געווארן א ברסלב'ער?! ס'ווערט מיר גוט! דיך האבן זיי אויך פארכאפט? זיי זענען א באנדע משוגעים, ניין?**

ניין! לאמיר אויסרעדן א מינוט, ווילסט דאך וויסן וואס גייט פאר מיט מיר, יא? הערט אויס א מינוט - איך ווייס נישט ווער ס'האט דיר אנגעשטאפט דיין מח קעגן ברסלב, אבער וואס מ'האט דיר נאר געזאגט איז לכאורה שקר וכזב, ברסלב איז א פלאץ פון חיזוק, פון ליכטיגקייט, פון עבודת השם, פון לעבן פאר זיך, פון העלפן א צווייטן, ממש אלע מעלות וואס עס קען נאר זיין!

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט: "ס'איז באוואוסט אז דער רבי' האט געזאגט אז זיין פייערל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען, אויך האט ער אמאל געוויזן פאר זיין טאכטער אויף עפעס א קינד וואס האט זיך גאר שטארק אויסגעוויינט ביי איר טאטעס קבר אויף אירע צרות, האט דער רבי' געזאגט אז ז' וויינט נעבעך פאר גארנישט, קיינער הערט איר נישט נעבעך, אבער ביי מיר איז אנדערש, אויב דו וועסט קומען צו מיין קבר און שרייען "טאטע" וועל איך הערן!!! דער רבי' האט כסדר געזאגט אז אפילו נאך זיין הסתלקות וועט ער ווייטער זיין דא מיט אונז דורך זיינע תלמידים וואס וועלן ממשיך זיין זיין דרך, משא"כ אנדערע צדיקים האבן אראפגעברענגט אן אור ווי לאנג זיי האבן געלעבט, אבער נאך זייערע פטירה גייט עס אוועק.

און אויף יעדער צדיק בשעת ער לעבט איז דא מחלוקת, מ'קריגט אויף אים, מענטשן האלטן זיך צוריק פון גיין צו דעם צדיק, אבער אזוי ווי דער צדיק ווערט נסתלק פלוצלינג רייסן זיך אלע די האר פון קאפ "אוי, מ'האט פארלוירן א צדיק"... מ'הייבט אן האבן שולד געפילן, "ממש א שאד, איך וואלט דאך געקענט גיין צו דעם צדיק, ער האט דאך געוואוינט ממש דא נעבן מיר"...

טראכט א מינוט, שטעל דיך פאר דער הייליגער ריבניצער וואלט יעצט געלעבט, וויפיל מענטשן וואלטן זיך ביי אים געדרייט? אזא צדיק, אזא גרויסע פועל ישועות, זיכער וואלטן געדאוונט ביי אים א שבת כאטש צען טויזנט אידן... אבער ווען ער האט געלעבט האט ער קוים געהאט מנין ביי זיך...

פירט דער ראש ישיבה אויס: "אבער ביי





אונז אין ברסלב וואו דער צדיק לעבט נאך, ער איז נאך דא מיט אונז, זיינע עצות באגלייטן אונז נאך ביז יעצט, איז דער צדיק טאקע נאכנישט נתגלה געווארן אויף די וועלט, אזוי ווי מ'זעהט ווי אלע הייליגע צדיקים, דער רבי מיט זיינע תלמידים זענען אזוי פארשעמט, פארשמירט מיט א בלינדע מחלוקת, "מ'האט יא געהאלטן, מ'האט נישט געהאלטן", וכו', בארעדט מיט כל מיני לשון הרע'ס וכו', דער רבי האט אמאל געזאגט אז מ'האט באשאפן א דמות כאילו דאס איז דער רבי, דאס איז ברסלב, און אויף אים קריגט מען, איך קריג אויך אויף אים! ממילא, לאז דיך נישט נארן פון אלע שטותים און לשון הרע'ס וואס דו הערסט זיך אלס צוזאם אויף דער הייליגער פלאץ, אויב דו וועסט טראכטן מיט שכל וועסטו זעהן אז ס'האט נישט קיין שום ממשות די אלע שמועות רעות...

**אקעי דערצייל מיך, ווי אזוי ביזטו אנגעקומען אהין?**



אה ממש א סייעתא דשמיא איך האב געטראפן א שיעור פון דער ראש ישיבה און -

**א מינוט ווער איז דער ראש ישיבה? אה, הרב רוטה שליט"א? וואס? דער פון די חיזוק יומי'ס? ער? וואס האסטו איינגעזען ביי אים? ער איז דאך געמאכט פאר גאר שוואכע!**

איך הייב אן טראכטן צו מיר: "גאר שוואכע? וואס מיינט גאר שוואכע? א בחור וואס נוצט זיינע טאלאנטן? איינער מיט א האריגע תפילין בייטל?

אבער ער שפילט גאר גוט די שפיל פון אינדרויסן, אז ס'זאל זיך דאכטן אז ער האט נישט קיין שום פראבלעמען, און קיינער זאל זיך נישט איינרעדן קיין איין רגע אז ער דארף אנקומען צו די ברסלב'ע קונטרסים.

ויקץ! איך געב מיר א וועק אויף פון מיינע מחשבות איך לייג צו קאפ שנעל, איך הייב אן זוכן נקודות טובות, א מחיה, א איד מיט בארד און פיאות, קאפל, ציצית, ער איז א מבקש, ער זעט ווי איינער שטייגט קומט ער צו לויפן, ער וויל אויך, נעבעך.

**העלוי אלס אקעי מיט דיך? איך פרעג עפעס, ס'שוואכע חברה דארט נייין? אויך אלע בעבי'שע דרשות, וואס האט דיך געכאפט דארט?**

איך זע שוין, דא קומט יעצט א לאנגע אפערעישן, "מיין טייערער ידיד, ביטע קומט אריין, זעצט אייך אוועק, לאמיר כאפן א שמועס"...

איך ווייס נישט וועלכע לשון הרע דו האסט דיך צוזאם געהערט אויף ברסלב און איך וויל נישט וויסן, אבער איך וועל דיך זאגן אביסל אויפן שפיץ גאפל וועסטו אויך קענען שפירן די גוטע טעם פון היכל הקודש.

דער הייליגע רבי האט אראפגעברענגט א גרויסע אור אויף דער וועלט, א אור וואס דער סמ"ך מ"ם האט בשום אופן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דעם, אן אור וואס קען ארויסשלעפן דער נידריגסטער מענטשן פון זיינע בלאטעס, און דעריבער האט דער סמ"ך מ"ם אנגעמאכט אזא ביטערע בלינדע מחלוקת אויף דעם הייליגן רבי'ן און אויף זיינע תלמידים.

ברסלב איז א לעבטיגע פלאץ, א פלאץ פון אמת, א ריינע פלאץ אז דער רבי האט געזאגט אז ער האט א כח ארויסצושלעפן א מענטש פון רפש וטיט, און דאס קען מען זען בחוש יעדער אויף זיך, ווער ס'איז זיך קובע שיעורים אין די ספרים פון דעם רבי'ן און זיינע תלמידים, און פאלגט די עצות מיט תמימות און פשיטות ווערט א נייער מענטש.

און דאס צו טון איז נישט געמאכט נאר פאר עפעס א בעל מדריגה אדער עפעס אן איינגעקנייטשטער אידל, צו עפעס א גרויסער עובד אדער תלמיד חכם, נאר פונקט פארקערט פאר דעם פשוט'סטן פראסטן מענטש וואס איז ביי זיך שוין




לאנג מיואש, פאר אים איז דער רבי דא, דער רבי מאכט אים א צדיק, נישטא קיין יאוש, ווי דער ראש ישיבה באקט עס אריין און אונז אן אויפהער אז דער רבי זאגט ס'איז נישט דא קיין יאוש איז נישט דא קיין יאוש! יעצט פרעג דיך אליין בין איך עפעס מיואש? ניין, וואס עפעס? איך בין העפפי, איך האב אפיציעל עפעס א שיעור וואס איך געדענק נישט די לעצטע מאל איך בין געווען דארט... דארפסט פארשטיין, לערנען איז נישט געמאכט פאר מיר... און וואס זאל איך דיך זאגן, איך ענדשוי פשוט נישט צו דאווענען... איך האב גארנישט קעגן דעם, איך האב פרובירט... ס'נישט פאר מיר...

ר' איד, איר זענט איין שטיק יאוש, אבער ווער נישט צובראכן, אונז האבן א צדיק וואס לערנט אונז נישט אויפצוגעבן, און געבט אונז עצות און חיזוק זיך צו דערהאלטן, און לערנט אונז אז אויב פאלט מען בלייבט מען נישט א געפאלענער, נאר מ'הייבט זיך גראד אויף! ווען דער צדיק האט געזאגט אז זיין אור קען ארויסציען די גרעסטע בעל עבירה פון זיין בלאטע ביסטו נישט געווען קיין יוצא מן הכלל, דו מיינסט אויף דיינע נסיונות איז נישט דא קיין וועג ארויס, עד כדי כך אז ס'שוין ביי דיר הרגל נעשה כמותר ר"ל? געב נישט אויף! דער רבי האט אויף אלעס אן עצה, און אונז האבן א מוהרא"ש מיט א ראש ישיבה וואס געבן אונז איבער די עצות אויף אונזער נסיונות אויף אונזער "היינטיגע" רפש וטיט, אויף דאס וואס דו פילסט "אקעי, אבער מיך מיינט מען נישט" האבן אונז צדיקים וואס בראקן אריין און אונז אמונה פשוטה, "יא דיר מיינט מען, דיין קליינטשיגע עבודה איז אזוי גרויס און חשוב ביים בורא כל עולמים", מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל אז ווען א מענטש וואלט נאר געוואוסט וואס פאר א רעש עס ווערט אין הימל ווען א מענטש רעדט ארויס אפאר פשוטע דיבורים צום אייבערשטן אויף זיין שפראך, וואלט ער א גאנצן טאג געדאווענט און גערעדט צום אייבערשטן!

ער קוקט מיר אזוי אן ווי צו זאגן **"וואס איז די שלש סעודת תורה וואס איך באקום דא? איך בין ארייגעקומען אביסל טשילן און פארברענגען מיט דיך, איך פיל ווי איינער האט מיר דא געווארפן אן אטאם באמבע אויפן קאפ!"**

איך זעה ווי ער קוקט מיר אן אזוי שאקירט, ער זאגט מיר: **"אלעס פיין און וואויל, אבער עכט! עכט אין מיין לעבן איך האב דאך נישט קיין ברעקל נערוון צו זיצן ביים גמרא, די קאפ פליט מיר גראד אוועק, איך בין נישט געמאכט פון די מאטריאל"...**

אה, פאר דעם האט אונז דער רבי געגעבן א דרך הלימוד, דער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן סימן ע"ו, א מינוט לאמיך דיר ברענגען די ספר און ווייזן אינעווייניג - קוק וואס דער רבי שרייבט: "אין צריך בלימוד רק האמורה בלבד"! זאג ארויס יעדן טאג א פאר משנות, אפאר פסוקים חומש, אביסעלע גמרא, דו דארפסט גארנישט פארשטיין, דיין קאפ קען פליען אבער דו לערנסט, לאמיר דיך פרעגן: "ווען איז די לעצטע מאל האסט מעביר סדרה געווען?"

**אפשר אמאל אלץ בחור!**

דו ווייסט ווי גרינג עס איז צו מעביר סדרה זיין? זאג זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, און אזוי ווייטער, עס נעמט נישט מער פון 10 מינוט און סוף וואך ענדיגט מען די סדרה, דו ווייסט ווי גוט עס שפירט זיך? א גאנצע וואך איז דורך און דו ביסט נישט דורך א טאג אן לימוד התורה! ווי לאנג נעמט שוין צו זאגן א פרק משניות, פינף מינוט? מאקסימום





צען מינוט! דו ווייסט וואס פאר א גוטע טעם אין לעבן מ'באקומט! די תורה טוישט א מענטש, די תורה מאכט א מענטש פרייליך, די תורה וועט דיך אפהיטן פון עבירות, שוין אפגערעדט פון די אלע סגולות וואס די תורה געבט!

**פששש... מורא'דיג! אבער איך ווייס נישט אויב איך בין גרייט צו ווערן א ברסלב'ער... ביי אונז איז עס ממש אפגעפרעגט, ווער רעדט נאך פון פארן אויף אומן... נע!**

ווער האט דיר געהייסן ווערן א ברסלב'ער? דו מוטשעסט זיך, דו פאלסט, דו דארפסט חיזוק און עצות, דא איז דא א צדיק וואס קען דיר העלפן! זיי נישט קיין בטלן, נעם דעם רבינ'ס חיזוק, נעם א גליון, אן עצתו אמונה, ס'וועט דיר דערווארעמען דיין הארץ צום אייבערשטן, דו וועסט אויפלעבן!

דער ראש ישיבה זאגט אלס אז מ'מוז נישט קומען צו ברסלב, דו קענסט שטיין ביי דיין רבי אויף די פארענטשעס און דארט רעדן צום אייבערשטן, דארט נעמען די חיזוק פון רבי'ן, דער הייליגער רבי האט קלאר געזאגט איינמאל: וואס ארט מיר אז א איד אין יענע עק וועלט וועט בענטשן א ערליכער בענטשן און נישט וויסן אז דאס קומט פון מיר. דער רבי איז נישט מצומצם אין קיין שום פלאץ, מוהרא"ש פלעגט דאס חזר'ן אלע יארן, אז ברסלב איז נישט איינגעצוימט אין איין געוויסע בית המדרש, וואס נאר אויב מען דאווענט דארט קען מען זיך פאררופן ברסלב, ניין! דאס איז נישט וואר, דער רבי'ס שכל און לימודים קען מען ניצן אויף יעדן פלאץ און ביי יעדע חסידות ווי מען איז.

בקיצור, צוריק צו אונזער שמועס - און דאס וואס דו זאגסט וועגן אומאן, קיינער קען נישט קומען אויף אומאן אן מניעות, יעדער איינער וואס קומט האט אן א שיעור מניעות אויף די גאנצע נסיעה, אבער דער רבי האט געהייסן אז יעדער איד מוז קומען צו אים ראש השנה! מ'פארט נישט מיט קיין טרעוול אגענט, מ'פארט נאר מיט תפילה! מ'איז א גאנץ יאר משתוקק צו קענען זיין ביים רבינ'ס ראש השנה און זוכה זיין צו די אלע תיקונים וואס דער רבי האט צוגעזאגט, און מ'פארט נאר מיט תפילה, און א גאנץ יאר בעהט מען דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען זוכה זיין צו זיין אין אומאן ביים רבין אויף ראש השנה, ממילא אויב דו וועסט בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג אז דו ווילסט זיין אין אומאן ביים רבינ'ס קיבוץ, וועסטו בס"ד דארט זיין מיט אלע מניעות, אבער מ'דארף גלייבן מיט אמונה פשוטה אז דער אייבערשטער הערט יעדעס ווארט וואס איך רעד צו אים.

**ס'הערט זיך זייער אינטערסאנט... דו זאגסט רעדן צום אייבערשטן, וואס מיינט דאס, שמונה עשרה? איך קען נישט, מיין קאפ פליט ארום, איך קען זיך נישט מצמצם זיין, איך פיל גארנישט!**

רעדן צום אייבערשטן מיינט זיך דורכרעדן אויף דיין אייגענע שפראך מיטן אייבערשטן, זאג אים וואס קוועטשט דיך, אזוי ווי דו פארשטייסט אז א מענטש גייט צו א טערעפיסט זעצט ער זיך אוועק און ער רעדט זיך אויס אלע זיינע פראבלעמען פאר א מדבר וואס איז ערגער פון א דומם... דער אייבערשטער הערט דיך באמת אויס און ער קען דיר באמת העלפן, און ער וויל דיך העלפן, די כח פון תפילה איז אזוי גרויס אז מיט תפילה קען מען אלעס פועלן! פרשת ואתחנן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'שטייט אז משה רבינו האט געבעטן 515 תפילות כמנין 'ואתחנן' ער זאל קענען אריינגיין אין ארץ ישראל, האט אים דער אייבערשטער געזאגט: "אויב וועסטו בעטן נאך איין תפילה וועסטו פועל'ן", אבער בעהט נישט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז פון דעם זעהט מען צוויי זאכן, איינס, אויב האסטו געבעטן א תפילה און דער אייבערשטער האט דיך נישט גלייך געענטפערט, בעהט





נאכאמאל און נאכאמאל, געב נישט אויף, משה רבינו האט געבעטן 515 מאל!!! די צווייטע זאך זעהט מען אז דו זאלסט נישט אויפהערן בעהטן, נאר אויב דער אייבערשטער אליין הייסט דיר... בקיצור, דאס איז התבודדות ס'מיינט רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מ'שמועסט זיך אויס מיט א חבר.

א איד וואס איז געווען מקורב צו מוהרא"ש זצ"ל איז אמאל געקומען צו מוהרא"ש און אים געפרעגט: "וויפיל איז דער שיעור מיט די אלע פשוטע זאכן, ווען גייט מען שוין רעדן פון עפעס העכערס, עפעס מדרגות, שמות, רוח הקודש, ענינים על גבי ענינים, וויפיל איז דער שיעור פון ווייטער רעדן פשוט'ע זאכן?" האט אים מוהרא"ש געענטפערט: "איך ווייס נישט וואס דו ווילסט, וואס קען דען זיין העכער פון זיך קענען דורכשמועסן מיטן אייבערשטן? דאס איז די העכסטע זאך!"

**א מינוט וואס האסטו קעגן טערעפי?**

גארנישט! פארקערט, איך אליינס מאך אסאך אסאך טערעפי, א אנדערע סארט, זייער א קאנטראווערסיאלע מעטאד אין די עולם ה'טערעפי, ס'הייסט דער 'רבי'ס טערעפי', איך נעם א משניות און איך זאג אכצן פרקים משניות יעדן טאג, און דאס רייניגט מיין מח פון אלע ע"י ב"י סי"ס...

**אה הא, מאכסט חוזק, איך האלט אז טערעפי איז זייער א וויכטיגע זאך, איך האלט אז יעדער מענטש דארף בעצם גיין אויף טערעפי! ס'איז אזוי ווי א דאקטער פאר די נפש... מ'דארף זיין געזונט!**

פששש... א שטארקע נקודה, אויב אזוי פארוואס מאכסטו נישט קיין קימא טערעפי צוויי מאל א וואך, מ'דארף דאך זיין געזונט?... אפשר זאלסטו אלס גיין מיט א קעסט אויף ביידע הענט און פוס... אפשר גיי אויף דיאליסיס ווייל יעדער דארף, ניין?...

און לאמיך דיר פרעגן דו זאגסט אז א טערעפיסט איז א דאקטער פאר די נפש? דו ווייסט וואס מיינט א אידיש נפש? א אידישע נשמה? א אידישע נשמה קען נישט די חכמה פונעם גוי' אויסהיילן, א איד האט נישט קיין טבע, א איד איז נישט א מענטש מיט א נפש הבהמי ווי א גוי, ווי אזוי ווילסטו אז טערעפי - די גוי'אישע חכמות וואס קען זיין אז עס ארבעט אויף א גוי - זאל קענען ארבעטן אויף א אידישע נפש? א גוי' ווייסט נישט ווי אזוי צו פאררעכטן א אידישע נשמה! שלעפסט דיך קודם צו איינער וואס האט א שיטה אז קודם דארף מען דיר צוברעכן, און דערנאך הייבט מען דיר צוריק אויף... און ווען ס'ארבעט נישט גייסטו זיך שלעפן צו א צווייטער וואס גייט דיר אנשטאפן מיט מעדיצין, און ווען דו רייסט דיך די האר פון קאפ אז אלעס איז געווארן ערגער לויפסטו נעבעך צו איינער וואס האט א פראגראם פון עקסערסייז, ער מאכט ספעציעלע עקסערסייזעס וואס ריליסען ענערגיע פון דיך... אפשר אפשר אויף א גוי ארבעט דאס, אבער מיר זענען עפעס העכערס, א חלק אלוקי ממעל, ווי אזוי קען א גוי'אישע קאפ האבן אן השגה אין דעם בכלל?





מ'קען נישט פארעכטן א אידישע נשמה מיט גוישע חכמות, דאס גייט קיינמאל נישט ארבעטן, א אידישע נשמה איז אסאך אסאך העכער, ס'איז משתוקק צו תורה, צו תפילה, צו התבודדות, צו אמונה, דאס היילט אונז און דאס איז וואס דער ראש ישיבה האלט אין איין אריינבראטן און אונז, "נעם דעם רבינ'ס טעראפי, נעם א משניות, דאס היילט!"

איינער האט מיר אמאל געוויזן אויף עפעס א קאמיש אידל אז ווען ס'וואלט ווען געווען טערעפי אין די צייטן ווען ער איז געווען א קינד וואלט ער היינט געווען א נארמאלער מענטש לכאורה, ניין?!

נאך אן אינטערעסאנטע זאך זעט מען מיט טערעפי, א מענטש ווערט מקורב צו ברסלב הייבט זיך גראד אן בלבולים, "ס'איז יא אויסגעהאלטן ס'איז נישט אויסגעהאלטן... מ'האלט יא פון דעם מ'האלט נישט פון דעם, ס'איז נאר פאר שוואכע"... אבער ווען עס קומט צו טערעפי האט קיינער נישט קיין קשיות, יעדער מוז גיין, דא האלט מען דאס איז פאר די גוטע מיט די שוואכע צוגלייך... דו זעסט נישט דא די קליפות בחוש??

**איך הער, ס'הערט זיך ממש מורא'דיג, וואס זאל איך דיך זאגן, איך בין פארקויפט! איך האף אז דער פלאץ גייט אויך ארבעטן פאר מיר אזוי ווי פאר דיר...**

אוודאי! אז דו וועסט פאלגן די עצות פון צדיקים, נישט קיין חילוק אויב דו גייסט געפעפעטע הויזן מיט א טיליפ אדער אויב דו גייסט מיט א סוועדער... נישט קיין חילוק אויב דו וואוינסט אין וויליאמסבורג, לאנדאן אדער ארגענטינע, אויב וועסטו פאלגן די עצות וועט דיר דיין לעבן ווערן א גן עדן! דער רבי האט געזאגט אז די גן עדן און גיהנום געפונט זיך דא אויף דער וועלט, אז א מענטש איז מקיים די פסוק השלך על ה' יהבך, ער איז זיך מתבודד מיטן אייבערשטן, ער דאווענט און לערנט איז ער אין גן עדן, און אויב ווערט ער נעבעך פארנומען מיט אלע הבלי עולם הזה, אוי וויי ביטער איז נעבעך אזא מענטש...

**אמת אמת, איך פארשטיי זייער גוט וואס דו זאגסט - אבער א רגע, ביי ענק איז דא מופתים?**

איך קוק אים אן וואס רעדסטו וועגן מופתים?

**יא ביי מיין רבי איז דא מופתים! אז ביי ענק איז נישטא קיין מופתים איז נישט אינטערעסאנט!**

איך זיץ שטיל, וואס דארף איך דעם איד ענטפערן? מופתים?! מיין קאפ הייבט אן רוישן, איך דערמאן זיך לעצטע וואך אין די פרשה זעהט מען אז אליעזר איז געגאנגען זוכן א שידוך פאר יצחק, האט ער זיך געמאכט ספעציעלע סימנים צו זעהן ווער וועט זיין ראוי צו קענען חתונה האבן מיט יצחק אבינו. ווען אליעזר איז אנגעקומען צו די ברונעם האט ער געזען א מופת! די וואסער איז ארויפגעקומען צו רבקה! אזא אפענע מופת, לכאורה וואלט ער געדארפט שליסן שידוך אויפן פלאץ, אבער ניין, ער האט בכלל נישט אויף דעם געקוקט, ער האט געוואלט זעהן וואס האב איך אין די האנט וואס באקום איך דא? וועט זי אויך אנטרינקען מיינע קעמלען, ווייס איך אז זי איז א בעלת חסד, אויב נישט וואס האב איך פון די מופתים... און שפעטער ביי בתואל און לבן הרשע שטייט אז ווען זיי האבן געהערט אלע מופתים פון אליעזר האבן זיי געזאגט מהשם יצא הדבר... זיי האבן געזען מופתים זענען זיי פארלוירן געווארן פארדעם...

איך דערמאן זיך ווען איך בין געווען א בחור האט מען געזאגט אויף איינעם אז ער האט געזאגט אז ווער ס'וועט דאווענען שחרית אין זיין מנין גייט א חתן ווערן, און ס'איז ממש אפענע מופתים, ס'דא בחורים וואס האבן אפאר יאר געדאווענט אין זיין מנין און זיי זענען א חתן געווארן צום סוף, מ'מוז גלייבן!

נאכדעם דערמאן איך זיך נאך א מעשה וואס איך האב געהערט אין ישיבה, אז עפעס א איד האט א מנהג אז ער גייט אין שפיטעלער און זאגט צו אלע קראנקע אז זיי וועלן געזונט ווערן! האט אים איינער אמאל געפרעגט: "ווי אזוי האסטו נישט מורא אזוי צו צוזאגן, וואס טוסטו אויב איינער טרעפט אויס אז דיינע צוזאגונגען ארבעטן אויף טויטע באנקעס?", זאגט אים דער איד: "איך וועל דיר מסביר זיין, יעדער וואס איך זאג צו און ער קומט ארויס פון שפיטאל ווערט אינגאנצן פארגלייבט אין מיר און ער איז מיינס, און דער וואס נישט, מיינט אז ער מאכט עס נישט אדורך און ער נעמט מיט די סוד אין קבר אריין"...

איך קוק אזוי אן דעם איד מיט צוויי אפענע



אויגן בשעת איך פרובירט אביסל צו קאנטראלירן מיינע מחשבות, "וואס זאג איך אים דא, ער דארף א מעדשיק שאו? וואס וויל ער הערן, אביסל טשאדעלע באדאלע? זאל איך אים פארציילן א ווערטל אז אמאל נאכן דאווענען האט מען געברענגט א טאץ קוגל פאר עפעס א גרויסע רבי (תרתי משמע) דער רבי איז געווען אויסגעהונגערט, ער טראכט נישט קיין צוויי, ער געבט א ווארף איבער זיין טלית אויפן קוגל, אלע חסידים קוקן, איינער זאגט אז דאס איז עלית נשמה... פלוצלונג געט זיך דער רבי א הייב אויף די קאפ, ער נעמט אראפ די טלית, והילד איננו דאס קוגל איז נישטא! דער גבאי בייגט זיך איבער און פרעגט דער רבי מיט די האנט אויפן מויל בסוד סודות, די חסידים ווייסן נאכצוזאגן אז מ'מורמלט יעצט סודות התורה: "וואו איז די קוגל?", זאגט דער רבי: "אָ ההההה אַ ההההה.... א מלאך איז געקומען און אויפגעגעסן די גאנצע קוגל!" זאגט אים דער גבאי: "די מלאך האט איבערגעלאזט איין לאקש אויף דער רבי'ס בארד"...

זאל איך אים פארציילן א ווערטל נע, איך קען נישט סתם חוזק מאכן מיט פאלשע ווערטלעך, ס'גייט שוין דורך א מינוט און איך זיץ אזוי שטיל, פלוצלינג פאלט מיר איין: "דו ווילסט מופתים? קוק אויף מיך, דו קענסט מיך, דו קומסט קלאפן אויף מיין טיר פרעגן וואס גייט פאר מיט מיך? ס'געשען א מופת מיט מיר, א רבי א צדיק האט געמאכט מיט מיר א מופת, א עכטע מופת! וואס ווילסטו מער פון דעם?? דא קענסט דא זעהן בחוש די כח פון א צדיק אמת, ווי ער נעמט א מענטש און רייניגט אים! אנשטאט ווערן מיואש און טראכטן "נע, פונקט ביי דיר... אבער אויף מיר וואלט דאס נישט געארבעט", דו ווילסט א בעל מופת, פאלג דעם רבי'ן, נעם זיינע עצות, הער אפאר שיעורים פון דער ראש ישיבה, דיין לעבן וועט זיך טוישן! נישטא קיין גרעסערע מופת ווי דעם!"

**איך הער, אבער למעשה דארף מען א עכטע רבי!**

א עכטע רבי?! איך האב אמאל נאכגעהערט א מורא'דיגע ווארט פון ר' יחיאל האלבערשטאם אב"ד פאקשעוויץ מאנסי, א צאנזער איניקל, ער איז מסביר אז חסידות אמאל, איז ווי א קאווע, די וואס האבן צו דעם פארשטאנען און זיך נישט באגנוגט מיט א פשוטער גלעזל וואסער נאר זיי האבן געדארפט עפעס מער עפעס וואס גיבט כוחות די האבן געלעבט אויף דעם, און די וואס האבן נישט פארשטאנען צו דעם איז ווי איינער וואס באגנוגט זיך מיט א גלאז וואסער, ס'לעבט נישט אויף די מענטש, ס'האט נישט די שטויס וואס קאווע האט, אבער ער פארשטייט נישט צו דעם, איז נישט. אמאליגע רבי'ס איז ווי א שטארקע קאווע ס'געבט כוחות דעם מענטש ס'הייבט אים אויף, ס'זעטיגט אים די נשמה! אבער די היינטיגע פסיכילאגן זאגט ער איז ווי א דיקעף קאווע, ס'זעהט אויס ווי עס טראגט מיט זיך ערליכקייט, ס'שמעקט פון ערליכקייט, ס'האט אפילו א נאך טעם פון ערליכקייט, אבער ס'איז נישט קיין ערליכקייט! אלעס איז דא אבער עיקר חסר מן הספר, ס'פעלט די עיקר.

אמאל מאכט זיך ווען איך גיי דאווענען





מנחה, קומט א איד מיט די ארבעטס קליידער מיט א בלויע העמד און א הויזן וואס האט שוין געזען בעסערע צייטן... און איך זעה נאכן דאווענען ווי איינער, אזא חסידישער פארקנייטשטער אידל גייט צו צו אים און מוסר'ט אים אריין, היתכן, אזוי קומט מען דאווענען, ס'איז נישט קיין דרך ארץ פאר א ביהמ"ד... און איך טראכט אזוי צו מיר אז דער אידל זיצט מסתמא ביי זיין שבת טיש און דערציילט מיט א ברען די מעשה ווי אזוי דער הייליגער קדושת לוי האט געזען ווי א איד א בעל עגלה שמירט די רעדער פון זיין וואגן אינמיטן דאווענען, און דער הייליגער בארדיטשוב'ער - דער סניגורן של ישראל געבט א שריי אויס: "הייליגער באשעפער, קוק אויף דיין טייער פאלק, אפילו אינמיטן שמירן די רעדער דאווענט ער!" און איך טראכט אזוי רבש"ע, אונז פארציילן אזעלכע שיינע מעשיות פון די פריערדיגע דורות, וואס וועט מען זאגן אויף אונז? פארוואס קענען מיר זיך נישט לערנען פון די אלע שיינע מעשיות אויך זיך אזוי צו פירן?

פסח ביינאכט דערציילט מען אז אמאליגע צדיקים פלעגן גיין אונטערהערן ביי די עם הארצים זייערע טעותים, דער עם הארץ זאגט "מחותנים לפניך" אנשטאט מונחים לפניך, און די צדיקים האבן דאס אלס אויסגעטייטשט אויף העכערס און געזאגט אז די תמימות פון די אידן גרייכן ביז די כסא הכבוד! פשששש... מוראדיגע מעשיות! ר' איד, איר ווייסט אז היינט איז אויך דא אזעלכע מעשיות, היינט איז אויך דא בחורים וואס ווייסן ליידער נישט פון וועלכע זייט מ'עפענט די גמרא... אנשטאט זיצן און אונטערהערן זיין תמימות ווארפט מען אים נעבעך אויף די גאס, וועלכע ישיבה וויל דען נעמען אזא בחור, און אנשטאט זיין תמימות זאל גרייכן די כסא הכבוד גייט ער נעבעך ארויס לתרבות רע ה' ירחם!

וואס האט מען פון דערציילן די אלע מעשיות אויב מ'לעבט נישט מיט דעם? איך פריי מיך אזוי שטארק צו קענען זיין אין היכל הקודש, צו זיין א פלאץ וואס איז ווי אן אטענטישע קאווע! א פלאץ ווי עיקר איז עיקר און טפל איז טפל!

די גאנצע תורה איז פול נאכאמאל און נאכאמאל מיט איין זאך, ליב האבן א צווייטן, נישט טשעפענען א צווייטן, פון איין זייט זעהט מען אז ווען א גוי איז געקומען צו הלל הזקן ער זאל אים אויסלערנען די תורה אויף איין פיס האט אים הלל געענטפערט: "מה דעלך סני לחברך לא תעביד!" דאס איז די תורה, די תורה איז געב אכטונג אויף א צווייטע איד!

און פון דער אנדערער זייט זעהט מען די הארבקייט פון דעם אז כאטש וואס די משנה זאגט 'כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא', אבער 'המלבין פני חבירו אין לו חלק לעולם הבא!' און ואהבת לרעך כמוך וכו'.

וואס איז פשט אז מ'זעט ליידער אין זייער אסאך חסידישע פלעצער ווי מ'איז זייער נישט מקפיד אויף דעם, (גרינג גערעדט...) ס'איז דא אזוי פיל מוסדות'ן און בנינים, אידישקייט בליעט, א מחיה! ס'איז אפילו דא א בלאק וואוט! (מער





באריכות אויף די נושא אין א קומענדיגע ארטיקל בס"ד), אבער דער עיקר פעלט, דאס פלעגט מיר אלס זייער שטארק באדערן, ווי אזוי קען מען פון די עיקר פארגעסן? מ'זאגט עס, מ'לערנט עס, אבער מ'טוט עס נישט!

ביז מיט גרויס חסדים בין איך אנגעקומען אין היכל הקודש, און מ'רעדט פון דעם און מ'לערנט עס, אבער בעיקר לעבט מען מיט דעם! מ'איז מחנך ליב צו האבן א צווייטער איד, אפגעזען פון זיינע שיטות, פון זיין לבוש, פון די וועג ווי אזוי ער פירט זיך, אא"וו, א איד דארף מען ליב האבן, אויף א איד דארף מען זוכן צו זעהן נאר גוטס! מ'לעבט מיט דעם באמת. תמימות ופשיטות איז א יסוד, נישט א חסרון, דער ראש ישיבה האלט אין איין חזר'ן אז דער אייבערשטער האט ליב דיינע טעותים, פארקערט, דער אייבערשטער האט נחת פון דעם בחור וואס מוטשעט זיך ארויסצוזאגן די פאר ווערטער גמרא וואס ער קען נישט די עברי, דאס האט דאך ביי אונז אזא חשיבות. אבער ס'קומט מיט א פעקל, דער סמ"ך מ"ם פארלייגט זיך אויף די לענג און די ברייט, ער לאזט נישט לעבן, אלעס אבי נישט די דרך הלימוד.

איינער קומט מיר פרעגן: "פארוואס נעמסטו נישט יעדן טאג צוויי משנות און לערן עס טיף צו פארשטיין?", זאג איך אים: "צוויי זאכן, קודם כל, אויב דער רבי שרייבט אז ממילא יבין וואס דארף איך זיין אן אויבער חכם? און צווייטנס, פארוואס פאר אפאר חדשים צוריק ווען איך האב קוים געעפענט אמאל א אידיש ספר איז דיר נישט איינגעפאלן מיר צו קומען פרעגן אפשר לערנסטו בלויז צוויי משנות א טאג? אלא מאי? דו מיינסט נישט מיין לערנען, טוט מיר א טובה ר' איד, זייט נישט דער שליח פנעם סמ"ך מ"ם!"

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין אין היכל הקודש, וואס לערנט אונז פשטות יהדות מיט אן אמת און מיט שמחה, א מחיה איך בין א איד!

איך בין געווען אמאל ביי א דרשות התעוררות פון עפעס א געוויסער מגיד, און ער האט געשווימט: "א נייע זאך, דער אייבערשטער האט מיך ליב... א נייע פירצה, וואס איז דאס? פונעם אייבערשטן האט מען מורא! מ'מאכט אזוי בילּיג דעם אייבערשטן, דו שלעפסט אים אראפ צו דיין פיצא און סושי"... אזוי האט ער געהאקט און געזעצט...

יענער וואך איז געווען פרשת כי תבוא, איך האב אים געוואלט גיין פרעגן נאכן שיעור אויב ער קען מיר טייטשן די פסוק כי אהבך ה' אלוקיך...

ב"ה מיר ווייסן אז דער אייבערשטער האט אונז ליב, און ער ווארט מיר זאלן קומען צו אים און רעדן צו אים און תשובה טון צו אים. דער רבי לערנט אונז אז אין יעדער מצב וואס א איד גייט דורך איז דער אייבערשטער דארט מיט אים און ווארט ער זאל זיך אומקערן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**





# מעשיות פון תפילה

## הערשי בוים - קרית ברסלב:

א) ברוך השם דער אייבערשטער האט מיך געגעבן א הויז דא אין שטעטל, אבער די הויז איז נישט בחנם מ'דארף באצאלן יעדן חודש מארגעדש, איך האב געדארפט צאלן מארגעדש אבער איך האב נישט געהאט די געלט דערפאר, און אויב מ'באצאלט נישט ביז א געוויסע טאג וועלן זיי צורעכענען נאך געלט פארן באצאלן שפעט, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן די געלט צו באצאלן מארגעדש, און ברוך השם, דער אייבערשטער האט מיר געשיקט דאס געלט בדרך נס.

ב) שוין א לאנגע צייט וואס איך דארף א נייע הוט, אבער דער רבי לערנט אונז אויס מיר זאלן נישט האבן קיין חובות, און אויב מ'דארף א נייע הוט זאל מען ענדערש זיין שולדיג פאר זיך א נייע הוט ווי איידער זיין שולדיג געלט פאר א צווייטן, איך האב נישט געוואלט בארגן קיין געלט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן געלט צו קויפן א נייע הוט, די לעצטע האלבע יאר ווען איך האב מיך דערמאנט דערפון האב איך געמאכט נאך א תפילה, און ברוך השם, דער אייבערשטער האט מיך די וואך געשיקט געלט פאר א נייע הוט.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:

איך האב ברוך השם זוכה געווען צו זיין מיט מיין זון ביים הייליגן רבינ'ס קיבוץ אויף ראש השנה, און יעצט חודש כסלו כאפ איך מיך אז איך האב א שיינע מעשה פון תפילה צו מיטטיילן.

א גאנצע זומער האב איך זיך אסאך מתבודד געווען צו וויסן אויף וועלכע אופן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, צו פון ניו יארק אדער פון קאנאדע, און בשעת מעשה האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין זון זאל זיין רואיג דעם גאנצן לאנגן וועג, אזוי אינמיטן פארן כאפ איך זיך אז דאס איז א עכטע מעשה פון תפילה, ער איז געווען רואיג דורכאויס די גאנצע וועג, סיי אויפ'ן עראפלאן און סיי אויף די באן, סיי די וועג אהין און אזוי אויך די וועג צוריק.

## ישראל דוד ברוקמאן - בני ברק:

מיין טאכטער איז אויפגעשטאנען איין צופרי' און נישט געוואלט עסן קיין שום זאך וואס מיין ווייב האט איר געגעבן, בלית ברירה איז זי אזוי געגאנגען אין פלעי' גרופ אן עפעס עסן, מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל זיין מסודר מיט אונזער קינד, זי זאל זיין געזונט און וועלן עסן געהעריג.

שפעטער האט מיין ווייב געקלונגען די טיטשער פרעגן אויב זי האט עפעס געגעסן, זאגט זי אז ניין זי האט נישט געוואלט עסן קיין שום זאך. וואס טוט מען דא? הייליגער באשעפער העלף אז אונזער קינד זאל זיין געזונט און שטארק און עסן ווי נארמאל, אפשר זאל איך גיין צום דאקטער זען אויב דאס קינד שפירט גוט, וואס טוה איך דא? נאך אפאר מינוט האבן אונז באקומען א טעלעפאון רוף פון די טיטשער אז יעצט האט זי שוין געהעריג אנגעהויבן עסן מיט אלע אנדערע קינדער, שכח אייבערשטער!

## העניך אינדיג - קרית ברסלב:

איך האב פארפאסט מעריב אין שול פאריגע וואך מיטוואך, איך האב געטראכט צו מיר אז איך וועל שוין לכאורה דארפן דאווענען ביחידות, אבער א תפילה שאדט קיינמאל נישט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען דאווענען מעריב מיט מנין, שפעטער בין איך געגאנגען צום בר מצוה פון אפרים פישל בן ר' ישראל חיים ברוין הי"ו גלייך ווען בין איך אנגעקומען האט מען זיך געשטעלט דאווענען מעריב, שכח אייבערשטער

שכח אייבערשטער!

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַאלְט אַ פּוּשְׁקֶע בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אַרְבֶּעט אוּן אִין קַאר. וֶוען דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה לֵייג אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פ): "**הַצְּדָקָה מַמְתִּיק הַדִּין**", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

דִי קְלֵיינֶע פְּרוּטוֹת וָואס מֶען לֵייגְט אִין פּוּשְׁקֶע אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס קְלֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְּרוּטָה אוֹיף אַ פְּרוּטָה בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע פַּאנְצֶער, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נט, יז): "**וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן**", פוּן דִי צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט וֶוערְט אַ פַּאנְצֶער; וֶוער עֶס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אַ פַּאנְצֶער זֶעט אוֹיס, דָאס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ אַייזְן אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי פַּייל זָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נָאר עֶס זָאל זִיךְ אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ צְדָקָה, דִי אַלֶע פְּרוּטוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אוּן עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְצֶער צוּ בַּאשִׁיצְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר בַּארֶעד נִישְׁט קֵיינֶעם; אַז אֵיינֶער הָאט דִיר בַּאעַוְלָה'ט דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, אַז אֵיינֶער אִיז דִיר שׁוּלְדִיג גֶעלְט זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט מְבַזֶּה זַיין פַאר אַנְדֶערֶע. מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס גֶעפִילְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב אַ אִיד אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ; אוֹיבּ טוּט מֶען וֵוייא אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן דֶער צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעבְּט אַ גֶעשְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶען הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ זַיין גֶעשְׁרֵיי.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ בַּארֶעדְן אַ צְוֵוייטְן; מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע. עֶנְדֶערְשׁ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דִיר שׁוּלְדִיג גֶעלְט אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"א"שׁ אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן מֶענְטְשְׁן, הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעבָּארְגְט פַאר מֶענְטְשְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן בַּאצָאלְן... רוֹב זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן שׁוּלְדִיג אוּן זִיךְ נִיטְאַמָאל וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט. וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרַ"א"שׁ אוּן גֶעהֶערְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבערשן אַז דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, כִּמְעַט אַלֶע הָאבְן שׁוֹין בַּאצָאלְט. דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען דִיר שׁוּלְדִיג זָאלְן הָאבְן שֶׁפַע אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶרֶע חוֹבוֹת.

בָּארְגְן גֶעלְט אִיז אַ מִצְוָה, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען בַּארֶעדְט יֶענֶעם אוּן מֶען פַארְצֵיילְט פַאר אַלֶעמֶען וֶוער אוּן וָואס יֶענֶער אִיז, אִיז יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְן; אִיךְ הָאבּ לִיבּ יֶעדְן תַּלְמִיד אוּן אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיךְ לִיבּ הָאבְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# חִינוּךְ חֵלֶק ג'

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן חִינוּךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט:** יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט אַיין קִינְדֶער צוּ טוּן וֶועלְן זֵיי דָאס שְׁפֶּעטֶער טוּן; אַז מֶען נֶעמְט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל, מֶען הַאלְט זֵיי נֶעבְן זִיךְ בַּיים דַאוְונֶען אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי שְׁטַייטְלִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ דַאוְונֶען אוּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְונֶען וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן גְרוֹיס וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אַלֵיינְס גֵיין דַאוְונֶען. אָבֶער אוֹיבּ מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן אִין שׁוּל אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים דַאוְונֶען וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן אָן קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה; מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַלֶע מִצְוֹת אוּן אַלֶע מִנְהָגִים. אַ טַאטֶע דַארְף נֶעמֶען זַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת כְּדֵי זֵיי צוּ מְחַנֵךְ זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה בִּצְנִיעוּת בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה.

פוּן דִי זִיבְּן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר מִיטְן טַאטֶע'ן, וַוייל אַלֵיינְס טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה. אֲפִילוּ אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל דַארְף הָאבְּן שְׁמִירָה פוּן חוֹלֵי נֶפֶשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען בְּרֶענְגְט קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִיז **כְּדַאי צוּ גֵיין וִוי פְרִיעֶר וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג,** זֵיי מְחַנֵךְ זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען זְרִיזוּת נִישְׁט צוּ פֶּענְיֶען אִין מִקְוֶה. מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקֵייט, אַז קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְכַאפְּן; וִוי לַאנְג מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן אוֹיסְטוּן אִיז רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטוּן גֶע'טוֹבֵל'ט אוּן צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה! **דָאס קֶען יֶעדֶער זוֹכֶה זַיין אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם.**



# א מעשה
## פון א צדיק

### פַּארְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שִׁינָאוְוא, אוּן דָארְטְן הָאט זִיךְ פַּארְטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַ שַׂר וָואס הָאט אִים גֶעוָואלְט נָאר אַייְנְזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן טוּן מִיט אִים גְרוֹיס רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַּאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַ מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין לֶעמְבֶּערְג אַ גְרוֹיסֶער רָב, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים הַכֹּהֵן רַאפָּאפָּארְט זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס דֶער שַׂר אִין לֶעמְבֶּערְג הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אִים, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט חָלִילָה וְחַס אוּמְבְּרֶענְגֶען, אוּן מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער שַׂר פְּלַאנְט, אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַּאר זַיין רֶעבֶּעצִין, "הֶער נָאר אוֹיס וָואס דֶער שַׂר וִויל טוּן: עֶר וִויל מִיךְ מַעֲבִיר זַיין מִן הָעוֹלָם. לָאמִיר אַוֶועקְגֶעבְן אֵיין נַאכְט פַּאר תְּפִלָּה פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן מִיר וֶועלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם עָרֵל!".

וְכַךְ הֲוָה: דִי נַאכְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן זִי הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים, אוּן זֵיי הָאבְן בֵּיידֶע אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין ווִינְקְל, אוּן זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן דִי אַנְדֶערֶע ווִינְקְל, אוּן זֵיי הָאבְן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט פַּארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְט זֵייעֶרע צָרוֹת, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אוֹיף זֵיי רַחְמָנוּת הָאבְן. דֶערְוַוייל דִי נַאכְט אִיז דֶער שַׂר פוּן לֶעמְבֶּערְג גֶעפָארְן אוֹיף אַ שְׁלִיטְן מִיט צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע פֶערְד, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען גוּט אָנְגֶעטְרוּנְקֶען בְּגִילוּפִין, דִי פֶערְד הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ לוֹיפְן, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן שְׁלִיטְן, אוּן דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעוָוארְן ווִילְד אוּן זֵיי הָאבְן אִים צוּטְרָאטְן אוֹיף טוֹיט.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז מֶען גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַּארְן לֶעמְבֶּערְגֶער רָב אַז דֶער שַׂר הָאט גֶעהַאט אַ מַפָּלָה, אוּן עֶר הָאט גֶעפֵּייגֶערְט מִיט אַ מִיתָה מְשׁוּנָה. - דָאס הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַּאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט, - "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַ גַאנְצֶע נַאכְט זָאגְן תְּהִלִּים, אִיךְ הָאבּ מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מֵיין רֶעבִּיצִין אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ אוּן קֶען נִישְׁט אוֹיף זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט. אִיךְ פַּארְלָאז זִיךְ **אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט זִיךְ נוֹקֵם זַיין מַיין נְקָמָה**". דֶערְוַוייל הָאט דֶער שַׂר גֶעהַאלְטְן אַ בִּיקְס אִין דֶער הַאנְט, אוּן בְּטָעוּת הָאט עֶר אַ דְרִיק גֶעגֶעבְן אוֹיפְן צִינְגְל פוּן דֶעם בִּיקְס, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט קוֹילְן, אִיז אִים אַרַיין אַ קוֹיל אִין פִּיסְק, אוּן אַדוּרְךְ דֶעם מוֹחַ, אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר הָאט אַייְנְגֶענוּמֶען אַ מִיתָה מְשׁוּנָה.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דֶערְצֵיילְט סִיפּוּרִים פוּן צַדִּיקִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט זֵיי גֶעטוּן וואוּנְדֶערְס, וֶוערְט נִתְעוֹרֵר דֶער אוֹר פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי הָאבְן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דִי וֶועלְט דָאס לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דִי הֶערְצֶער פוּן זֵייעֶרֶע מְקוּרָבִים, אוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְן זֵיי גֶעוָואלְט טוּן רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת, הָאבְן גֶעהַאט אַ וִויסְטְן סוֹף.

(אשר בנחל אידיש מכתב קנ"ו)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ט -

**פארזעצונג פון פריער:** כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאבּ עֶר אָבֶער זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ שְׁרַייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

***

עֶר פְלֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין עֲבוֹדַת ה' מִיט גְרוֹיס פַּשְׁטוּת, צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה' אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אָבֶער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן. וִוי נָאר עֶר אִיז אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר דַוְקָא זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר קִינְדֶערִישׁ, עֶר אִיז אַרוּמְגֶעטַאנְצֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט, אוּן אַרוּמְגֶעווִילְדֶעוֶועט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אַז קֵיינֶעם הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְפַאלְן אַז דָאס קִינְד אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטְן, אַז עֶר ווִיל נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶעמָאלְט אַלְס קִינְד פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פִירְן אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע גְרוֹיסֶע מַטְבֵּעוֹת אוּן עֶר הָאט עֶס אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט אוֹיף קְלֶענֶערֶע פְּרוּטוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין שׁוּל בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער אוּן דָאס גְלַייכְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיוֹן" אוּן גֶעזָאגְט דֶעם "לְשֵׁם יִחוּד" וָואס שְׁטֵייט דָארְט צוּ זָאגְן פַאר מְ'טוּט אַ מִצְוָה, אוּן דַאן הָאט עֶר אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אֵיין פְּרוּטָה אִינֶעם פּוּשְׁקֶע פוּן מַתַּן בְּסֵתֶר. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר אִיז מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם, אוּן דַאן הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן וִוידֶער אַרַיינְגֶעוָוארְפְן נָאךְ אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם יִחוּד אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט צְדָקָה. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז וֶוען עֶר הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט אַלֶע פְּרוּטוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט. עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ אַלְס קִינְד בַּאקַאנְט גֶעוֶוען אַלְס אַ גְרוֹיסֶער חָכָם, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג אוּן פַארְשְׁטַאנֶען גוּט אַן עֵסֶק, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶענוּצְט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ תָּם אוּן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן פָּשׁוּט וִוי מֶער מִצְוֹת.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אוּן גֶעכַאפְּט אַז וֶוען סְ'קוּמְט צוּ דִינֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט חָכְמוֹת, נָאר טוּן אוּן אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן מָאס תְּמִימוּת.

וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיצְן בַּיי זַיין מְלַמֵּד, הָאט עֶר אַלְץ גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד" (תְּהִלִּים ט"ז, ח'), עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טְרַאכְטְן אוּן הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם שֵׁם "הֲוָיָ"ה" בָּרוּךְ הוּא, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהֶערִיג מִיטְגֶעהַאלְטְן וָואס דֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט פָאר, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גוּט גֶעקֶענְט, אוּן דֶערְפַאר פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵּד זֵייעֶר בְּרוֹגֶז זַיין אוֹיף אִים.



א געמאלן בילד ווי דער מלמד שרייט אן דעם רבי'ן אלץ קינד בשעת ער טראכט פון דעם שם הוי"ה

בִּכְלַל פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְס קִינְד זִיךְ פִירְן זֵייעֶר ווִילְד, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַרוּמְלוֹיפְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן מִיט אַלֶע קִינְדֶער.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן וַואקְסְן אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוֹיסֶער דִי שְׂכַר לִימוּד וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעצָאלְט פַאר'ן מְלַמֵּד, פְלֶעגְט עֶר גֶעבְּן פַאר'ן מְלַמֵּד דְרֵיי גִילְדְן - פוּן זַיין אֵייגְן גֶעלְט וָואס עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן - פַאר יֶעדְן בְּלַאט גְמָרָא וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן לֶערְנֶען מִיט אִים וִוי מֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג. אוּן דֶער מְלַמֵּד הָאט טַאקֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר יֶעדְן דַף.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**



### א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## פרייטאג צונאכטס פרשת וירא - תשפ"ג

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' מיטצוהאלטן אזא פרייליכע שבת'דיגע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א פרייטאג צונאכטס פרשת וירא.

### קודם זינגען זמירות

דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען מיט א פרייליכע גוט שבת וואס האט אויפגעלעבט די גאנצע הויז!

דער ראש ישיבה האט אנגעהאט זיין ווייס און גאלדענע בעקיטשע, מען האט געזינגען זמירות און געמאכט קידוש. נאך קידוש איז אנגעקומען דער ראש ישיבה'ס זון אלחנן נרו יאיר, און דער ראש ישיבה'ס ווייב האט זיך אנגערופן צו אים אז ער זאל מאכן קידוש. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ער קען נאכנישט מאכן קידוש, ער איז א איד, ער דארף קודם זינגען זמירות".

שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו איינער פון די געסט, ביי ענק זאגט מען אויך פאר די חתונה געהאטע קינדער וואס צו טון?

### סאוער דאו חלה

דערנאך האבן אלע קינדער געמאכט א רייע ביי די סינק דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן. דער ראש ישיבה האט געמאכט המוציא און געטיילט פאר יעדעם חלה. די וואך האט איינער געשיקט א מתנה פאר דער ראש ישיבה א סאוער דאו חלה (זויערע חלה), דער ראש ישיבה האט געגעסן דערפון און געזאגט אז ס'איז זייער גוט.

### נישט רעדן אינמיטן עסן

שפעטער האט מען אריינגעברענגט די פיש, און דער ראש ישיבה האט א גאנצן צייט דערמאנט פאר די קינדער צו עסן איידל, איינע פון די קינדער האבן גערעדט און פארציילט מעשיות בשעת'ן עסן, האט דער ראש ישיבה איר געזאגט אז ס'איז נישט איידל צו רעדן אינמיטן עסן, קודם עסט מען אויף די פיש און באלד וועט מען קענען רעדן.

### נאר ברסלב'ע ליין מאטריאל

אינמיטן האט זיך איינער פון די קינדער דערמאנט אז ער האט נאכנישט צוריקגעטראגן די ... אויסגאבע וואס ער האט פריער געבארגט פון די שכן. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט זייער שטרענג, איך לאז נישט בארגן ליין מאטריאל פון די שכנים! וואס זאל איך טון אז מען פאלגט מיך נישט?... גיי געב עס צוריק און זאג פאר די שכן אז זיי זאלן מער נישט בארגן קיין ליין מאטריאל פאר אונזערע קינדער. איך וויל נישט אז דא אין אונזער הויז זאל אריינקומען מאגאזינען. אונז האבן דאך שוין היינט די ברסלב'ע ליין מאטריאל!

> איך וויל נישט אז דא אין אונזער הויז זאל אריינקומען מאגאזינען. אונז האבן דאך שוין היינט די ברסלב'ע ליין מאטריאל!

דער ראש ישיבה האט אנגעזאגט אלע קינדער אז מען זאל מער נישט אריינברענגען אין די הויז קיין שום מאגאזינען.

<<<<

**אויסלערנען גיין אין מקוה אן מורא**

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אנהייב ווען ער ברענגט די קינדער אין מקוה, זיצן זיי נאר ביי די סטעפס פון די מקוה, זיי האבן מורא אריינצוגיין. שפעטער נאך איין וואך געבט ער זיי א שטופ אריין אין וואסער, און די נעקסטע וואך גייען זיי שוין אליינס, זיי זעען אז ס'איז נישט שרעקעדיג. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך פרייטאג האט ער נאכאמאל אריינגעשטופט יוסף אין מקוה. ער האט אים שוין לעצטע וואך געגעבן א שטופ אריין, אבער די וואך האט ער נאך אלס מורא געהאט צו גיין, האט דער ראש ישיבה אים נאכאמאל אריינגעשטופט, אז נעקסטע וואך זאל ער שוין קענען גיין אליינס.

איינער פון די קינדער האט געקניט אויף זיין בענקל, האט דער ראש ישיבה אים פארגעהאלטן, פארוואס קניסטו? א איד קניט נישט!

**מען טראכט שוין פון אומאן**

שפעטער האט מען געשמועסט וועגן אומאן, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז קיינער טראכט נאכנישט יעצט פון אומאן, אבער ביי אונז טראכט מען שוין יא פון אומאן, מען האט שוין גערינגען א טשארטער ערעפלאן פאר קומענדיגע יאר ראש השנה! אויב וועט מען קענען פארן גלייך קיין אקריינע, וועט מען אהינפארן. אבער אויב נישט, וועט מען לאנדן אין פוילן, און פארן מיט א באן קיין אומאן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

> דער ראש ישיבה האט פארציילט אז קיינער טראכט נאכנישט יעצט פון אומאן, אבער ביי אונז טראכט מען שוין יא פון אומאן, מען האט שוין גערינגען א טשארטער ערעפלאן פאר קומענדיגע יאר ראש השנה!

**מען טרינקט נאכן עסן**

נאכדעם האט מען ארויסגעטראגן די פיש טעלערס, דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די קינדער זאל ברענגען מאמי'ס גלעזל, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר איר גרעי'פ דשוס און סעלצער.

שפעטער האט דער ראש ישיבה געגעבן גרעיפ דשוס אויך פאר די קינדער. איינער פון די קינדער האבן געבעטן אז ער וויל נאך, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אינמיטן די סעודה טרינקט מען נישט, נאר אביסל גרעיפ דשוס נאך די פיש, ווייל ס'איז נישט געזונט צו טרינקען אינמיטן עסן. שפעטער נאכן עסן קען מען טרינקן.

מען האט געזינגען זמירות. דערנאך האט מען אריינגעברענגט די געשמאקע זופ לכבוד שבת. נאכן עסן די זופ האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "אזא גוטע זופ! איך מיין אז זייט אונזער חתונה האסטו נאכנישט געמאכט אזא גוטע זופ!"

**טיכל געדערינג**

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך פרייטאג האט ער געמאכט א 'טיכל געדערינג', ווי דער ראש ישיבה האט גערעדט וועגן די שיינקייט פון א טיכל, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז ברבים קען ער נישט רעדן פון דעם, אבער ווען ס'איז נאר דא פרויען וואס גייען מיט א טיכל קען ער רעדן וועגן דעם. אויך האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט וועגן דעם אז איינער וואס גייט מיט א טיכל דארף זיך אנטון זייער שיין און קלאסיש.

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, קוגל און פערפל, דער ראש ישיבה האט געגעסן און געמאכט זיכער אז דער אלע געסט האבן גענוג פון אלעס וואס זיי דארפן.

**א נייע דייעט**

מען האט געשמועסט וועגן אפאר יונגעלייט וואס האבן די וואך אנגעהויבן א נייע דייעט, זיי האבן זיך אפגעשמועסט אז ביז אזויפיל צייט דארף מען פארלירן פופצן פונט, און אויב נישט דארף מען געבן טויזנט דאלער פאר די כולל...

**פופצן טויזנט דאלער פון הפצה**

<<<<

שפעטער האבן אנגעפאנגען ארויפצוקומען בחורים און אנשי שלומינו צו די באטע, דער ראש ישיבה האט געהאט נעבן זיך א באטל סעלצער און קאפס, און דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן פאר די בחורים סעלצער.

דער ראש ישיבה האט יעדעם געפרעגט אויב זיי האבן א מעשה פון הפצה, און די בחורים האבן פארציילט שיינע מעשיות וואס זיי האבן געהאט די וואך פון הפצה. דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה וואס א חתן פון ישיבה האט געהאט די וואך, ער איז געגאנגען הפצה איין טאג אבער קיינער האט נישט גענומען קיין קונטרסים. ער איז געווען אזוי צובראכן, ווייל ער וויל העלפן זיין טאטע זאל אים קענען חתונה מאכן, און דא האט קיינער נישט גענומען, און ער האט נישט געמאכט קיין געלט. ער האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ צום אייבערשטן, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים העלפן. ער קלאפט אריין אין די נעקסטע טיר, און יענער האט אים געגעבן פופצן טויזענט דאלער!

**נישט שפילן מיט די באלאנס**

די קינדער האבן זיך געשפילט מיט באלאנס, און אינמיטן האט זיך צוקראכט א באלאן, האט דער ראש ישיבה צוגערופן איינער פון די קינדער און געהייסן אוועקפאקן אלע באלאנס ווייל ס'איז א גרויסע סכנה. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז אויב א קינד שטיקט זיך אויף א באלאן, קען מען גארנישט טון, ווייל אפילו מען בלאזט אריין לופט אין די מויל, די באלאן אין די האלז בלאזט זיך אויף און דאס קינד באקומט נישט קיין לופט.

**גרויסע נס צו באצאלן א חוב**

דערנאך האט מען געהערט א קלאפ אין טיר, ס'איז אריינגעקומען א חתן פון ישיבה. האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען סימן טוב ומזל טוב, און געטאנצן מיט אים.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט אז די וואך האט ער געהאט א גרויסע נס, ער האט געדארפט באצאלן א גרויסע חוב, און ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים געהאלפן אז ער האט עס געקענט באצאלן.

אינמיטן זומער איז מען געקומען זאגן פאר דער ראש ישיבה אז מען דארף האבן הונדערט פופציג טויזנט דאלער צו קענען ענדיגן די פערטע שטאק פון די בנין אין אומאן. האט דער ראש ישיבה אנגערופן א אינגערמאן און אים געפרעגט אויב ער קען בארגן פאר דער ראש ישיבה די געלט. האט ער געזאגט אז יא, ער קען עס פארבארגן פאר צוויי יאר, דער אינגערמאן האט געבעטן מען זאל אויך אריינשרייבן אז אויב עס וועט זיך מאכן פאר אים עפעס גאר א גוטע דיל, זאל ער קענען צוריקבעטן די געלט און דער ראש ישיבה וועט אים עס צוריקגעבן ביז א וואך אין גרינס.

ער האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ צום אייבערשטן, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אים העלפן. ער קלאפט אריין אין די נעקסטע טיר, און יענער האט אים געגעבן פופצן טויזענט דאלער!

און דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט: לעצטע וואך דאנערשטאג נאכט נאך די שיעור, קומט ער צו צו מיך און ער זאגט מיך ראש ישיבה עס האט זיך געמאכט גאר א גוטע דיל, איך וויל צוריק די הונדערט פופציג טויזנט דאלער ביז קומענדיגע וואך דאנערשטאג. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. פופציג טויזנט איז אריינגעקומען פון די בחורים וואס זענען געגאנגען נאך געלט, אבער פון וואו נעם איך יעצט נאך הונדערט טויזנט דאלער? איך בין געגאנגען אין א זייט און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זאל מיך העלפן.

אין טאג קומט אן ארי פיש נרו יאיר אין ישיבה, ער זוכט נאר ווי ער קען מיך העלפן, איך האב געשמועסט מיט אים און איך האב אים געזאגט אז איך בארג מער נישט קיין געלט, איך דארף יעצט באצאלן הונדערט טויזנט דאלער. איז ער גלייך געגאנגען און געשאפן א אינגערמאן וואס זאל בארגן פאר דער ראש

<<<<

ישיבה הונדערט טויזנט דאלער. ברוך השם ס'איז שוין דא די געלט, אבער דער אינגערמאן וואס האט עס געבארגט וויל עס צוריק אויף דעם זעלבן וועג וואס ער האט עס געגעבן. האט דער ראש ישיבה נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן און דער ראש ישיבה האט געטראכט אז ער וועט ארויסשיקן א ראבא-קאל, ער וועט פרעגן אויב ס'איז דא איינער וואס האט אוועקגעלייגט געלט, און ער קען באשטיין אז מען זאל אים ארײנשיקן די געלט אין באנק. גלייך נאכדעם רופט א אינגערמאן דער ראש ישיבה אז ער האט הונדערט טויזנט דאלער.

אבער יעצט איז געווען א פראבלעם, דער אינגערמאן וואס וויל בארגן די הונדערט טויזנט דאלער, ער דארף אז די געלט זאל אריינגיין צו א קאנסטראקשן קאמפאני, און דער אינגערמאן וואס האט די געלט, ער האט נישט קיין קאנסטראקשן קאמפאני. האט דער ראש ישיבה געזאגט, דא קומט אריין שבתי נרו יאיר, ער איז אלעמאל גרייט צו העלפן, ער וועט עס מאכן ארבעטן.

מענטשן אין שטעטל וואס האבן טענות אויף אים, באמת ווילן זיי רעדן אויף דער ראש ישיבה. נאר וואס? זיי שעמען זיך צו רעדן אויף דער ראש ישיבה, רעדן זיי אויף די הנהלה.

דערנאך האט מען געבענטשט, און נאכן בענטשן האט מען אריינגעברענגט גוטע נאש פאר די באטע.

### שלום זכר

ר' שלום אלי' אינדיג נרו יאיר פון קאנאדא וואס האט געמאכט א זכר די וואך, איז ארויפגעקומען צו די באטע. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "איך האב געטראכט אז נאך די סעודה וועל איך שיקן מיינע קינדער צו די זכר דיך זאגן מזל טוב, ווייל דו ביסט א מפיץ, און דא ביסטו אליינס ארויפגעקומען..." דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט אויב ער האט געברענגט ביר, האט ער געזאגט אז ניין. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו אים, דעמאלטס וועלן אונז טרינקען דעם תמ'ס ביר. דער ראש ישיבה האט אים געגעבן מזל טוב און מען האט געטרינקען סעלצער.

### די היסטאריע פון די חדר און די סקול

נאכדעם האט מען געזינגען זמירות. דערנאך האט מען נאך אביסל געשמועסט, דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן די בילדינג פון די חדר אין שטעטל ווי אזוי מען האט עס אפגעקויפט, און מען האט אויך געשמועסט וועגן די חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה וועגן אינוויטעישנס וואס איז זייער שטארק ארומגעפארן, אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אביסל פון ווען מען האט געעפנט די סקול, אז קודם איז עס געווען אין א דירה וואס זעליג ווייס נרו יאיר האט געגעבן אז מען זאל עס נוצן ביז ווילאנג מען טרעפט א פלאץ, און נאך אסאך זאכן.

### קום נענטער וועסטו הערן

שפעטער האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו פארציילן א מעשה, און די קינדער וואס האבן זיך געשפילט אין די זייט האבן געמאכט גערודער, איינער פון די עלטערע קינדער האט געוואלט הערן די מעשה, האט ער א גאנצן צייט פרובירט זיי צו שטיל מאכן. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט וואס ווילסטו פון זיי, דו קום נענטער וועסטו קענען הערן.

### די מעשה פון די צדיקת שרה א סגולה צו האבן א רפואה

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה אז אמאל איז די צדיקת שרה - דעם הייליגן רבינ'ס טאכטער - זייער קראנק געווארן, און איר טאטע - דער הייליגער רבי - איז איר געקומען באזוכן. דער רבי' האט געזען ווי שרה'קע איז אזוי פארשלאָפט האט עס אים זייער ווי געטון, ער האט געהאט גרויס צער. דער רבי איז געזיצן מיט א פארקלעמט הארץ און האט איינגעדרימלט, דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו דער זיידע פון רבי'ן - קומט צו אים אין חלום און פרעגט אים: "פארוואס ביסטו אזוי בצער?" האט דער רבי געענטפערט פאר'ן הייליגן בעל שם טוב: "איך בין בצער וועגן מיין טאכטער, וואס זי איז אזוי קראנק".

האט דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו געזאגט פאר'ן רבי'ן, עס שטייט דאך אין תהילים, אין פסוק (תהילים מג, נא): **"מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ"**, די כוונה איז, **'מַגְדִּיל יְשׁוּעוֹת'** דער אייבערשטער מאכט גרויסע ישועות, **'מַלְכּוֹ'** פאר די צדיקים וואס זיי זענען מלכים (מאן מלכי רבנן [גיטין סב.]) **'וְעֹשֶׂה חֶסֶד'** און ער טוט חסד, **'לִמְשִׁיחוֹ'** פאר די וואס דערציילן, 'משיח' איז א לשון פון שמועסן, מסיח; דער אייבערשטער מאכט וואונדער פאר די וואס דערציילן מעשיות פון צדיקים, דער בעל שם טוב זאגט פאר'ן רבי'ן: **"דורך סיפורי צדיקים וועסטו זען א ישועה"**.

<<<<



דער הייליגער רבי וועקט זיך אויף און הויבט אן דערציילן א מעשה פונעם הייליגן צדיק, דער מהרש"א (מ'ורינו ה'רב ר'בי ש'מואל א'ליעזר א'יידליס) זכותו יגן עלינו. אין די צייטן פונעם הייליגן צדיק דער מהרש"א איז געווען אין די שטאט אוסטרהא - די שטאט וואו דער מוהרש"א איז געווען דער רב - א גרויסע קלויסטער, דארט איז געווען א שרעקליכע טומאה, און נישט ווייט פון די קלויסטער האט זיך געפינען דער אידישער בית החיים פון די שטאט אוסטרהא, און יעדע מאל עס פלעגט זיין א לוי' פלעגט מען דארפן אריבערגיין די קלויסטער, און די גלעקלעך פון די קלויסטער פלעגן זיך צוקלינגען און פארכאפן די מענטשן אין די טומאה.

דער הייליגער מהרש"א האט געוויסט פון די טומאה, האט ער באפוילן, ווען עס וועט קומען די צייט ער וועט אוועקגיין פון די וועלט און מען וועט אריבערגיין מיט זיין מיטה דעם קלויסטער זאל מען לייגן אויפ'ן בעט זיין הייליגן ספר חידושי מהרש"א. אזוי איז טאקע געווען, דער הייליגער מהרש"א איז נפטר געווארן און מען האט געפירט זיין מיטה דורך דעם שרעקליכן טומאה, און אין די מינוט וואס די מיטה איז אריבער די טומאה און די גלעקלעך האבן אנגעהויבן זינגען - האט דער הייליגער מוהרש"א זיך אויפגעזעצט אויף זיין בעט און אנגעהויבן מישן די בלעטער פון זיין הייליגן ספר.

דער גאנצער עולם קוקט זיך צו, עס איז א פחד א שרעק צו זען דעם הייליגן מהרש"א נאכן פטירה זיצן און מישן די בלעטער, און אזוי מישנדיג זעט מען א שרעקליכע זאך, די קלויסטער הויבט אן איינזינקען אין דער ערד, יעדע בלאט וואס דער מוהרש"א מישט - גייט אראפ די גאנצע טומאה מער און מער מיט אלע מענטשן, מיט אלע חפצים; ביז מען האט איר שוין מער נישט געזען און עס איז געבליבן א זכר, א סימן - דארט ארום די פלאץ עד היום הזה.

ווען דער רבי האט געענדיגט דערציילן די מעשה האט שרה'קע זיך שוין אנגעהויבן גוט צו שפירן, און זי פלעגט שטענדיג דערציילן די מעשה פאר אנדערע קראנקע וואס האבן געדארפט א רפואה.

**ווען דער רבי האט געענדיגט דערציילן די מעשה שרה'קע האט זיך שוין אנגעהויבן גוט צו שפירן, און זי פלעגט שטענדיג דערציילן די מעשה פאר אנדערע קראנקע וואס האבן געדארפט א רפואה.**

שפעטער האט דער ראש ישיבה געעפנט א באטל סעלצער, און דער ראש ישיבה האט אראפגעגאסן אביסל פון דעם. און דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה וואס חז"ל פארציילן (חולין קה:) רב פפא פלעגט זיך באנוצן מיט שדים אים צו העלפן. איין מאל האט ער געשיקט איינער פון די שדים זאל אים ברענגען וואסער פון די ברונעם, און עס האט גענומען זייער א לאנגע צייט ביז ער איז צוריקגעקומען. ווען ער איז צוריקגעקומען האט אים רב פפא געפרעגט, וואו ביסטו געווען אזוי לאנג? האט ער פארציילט אז ווען ער איז אנגעקומען דארט האט ער געזען אז די שדים טרינקען יעצט פון די וואסער, האט ער געווארט ביז אלע שדים האבן געענדיגט טרינקען, און נאכדעם האט ער געשעפט וואסער. שפעטער האט יענער געזען ווי רב פפא גיסט אראפ אביסל פון די וואסער פארן טרינקען, האט ער געזאגט ווען איך וויס אז דו גיסט אראפ וואלט איך נישט געדארפטווארטן אזוי לאנג, ווייל אז מען גיסט אראפ אביסל, שאדט עס נישט.

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט, טאטי, ס'איז א אמת'ע מעשה? האט דער ראש ישיבה געענטפערט, עס שטייט אין גמרא, אוודאי איז עס אמת.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א, די עיקר וואס איך נעם ארויס פון די סעודה איז די פרייליכע אטמאספער וואס איז דארט געווען, ווי דער ראש ישיבה מאכט אלעמען אזוי פרייליך און געשמאקן!

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב

**דירות אין שטעטל פאר שבתים**

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

KB
**KB HEALTH**

גרויסע אויסוואהל פון

**כשר'ע וויטאמינ'ס**

אייך צו האלטן פריש און געזונט

פאר יונג און אלט

We are here to help you choose the right vitamins.



The Zussman Family

**845.293.0418**

KBhealth18@gmail.com

---

845-434-4980

**Heel & Toe**

For All Your Hosiery Needs

Open all Year in Fallsburg
Fully line of tights, socks, hats, gloves,
for the whole family
snoods and tichels and much more
Open every night 8-10
Call 845-428-2481 for other hours

FREE DELIVERY

---




---

Beautiful furnished offices for rent with high speed internet on the route 52

please contact

845-747-0444

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טוויין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעטלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

# קלאסיפייעדס

ברסלב

שטיצט ברסלב




## קרית ברסלב ספרים סטאר

*51 Twin Bridge Rd Liberty NY 12754 Left side entrance*

**GRAND OPENANING!**

**11/27 - 11/28 זונטאג און מאנטאג ויצא**

**10 % DISCOUNT THE ENTIRE STORE**

הערליכע אויסוואל פון אלע נייעסטע ספרים מנוקד, ריזיגע אויסוואל פון ברסלב'ע ספרים, ביכלעך פאר ערוואקסענע, ביכלעך פאר קינדער, אלע סייזעס ציצית געקניפט מיט תכלת.

אויך האבן מיר א הערליכע אויסוואל פון דזשודעיקא אייטעמס, בעכערס, לייכטערס, נעפקין האלטערס, זאלץ מעסטלעך און נאך.

אפען יעדן טאג פון 9:00 אינדערפרי ביז 11:00 ביינאכט.

פרייטאג ביז א האלבע שעה צום זמן.

מוצאי שבת פון א האלבע שעה נאכן זמן ביז 12:00.



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ פוּן טְרָאסְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַ שִׁיף פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן, אִינְמִיטְן יַם הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעקוּמֶען אַ רִיזִיגֶע חַיָּ' פוּן אוּנְטֶער דִי וַואסֶער, דִי חַיָּ' הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט דִי קָאפּ אוּן גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם שִׁיף, עֶס אִיז גֶעפַאלְן אַ פַּחַד אוֹיף אַלֶעמֶען, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוויינְט.



אוֹי, דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָּ' קוּמְט!

דִי חַיָּ' קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, בִּיז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵייבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אָנְגֶעטוּן אַ טַלִּית מִיט תְּפִלִּין אוּן אַרוֹיס אוֹיף דִי דַאךְ פוּנֶעם שִׁיף, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף דִי חַיָּ', וֶוען דִי חַיָּ' הָאט גֶעזֶען דִי הֵיילִיגֶע פָּנִים פוּנֶעם צַדִּיק אִיז זִי אַנְטְלָאפְן אִין דִי טִיפֶע וַואסֶער אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם שִׁיף הָאבְן זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

(קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְדֶעם אוֹיפְ'ן שִׁיף מִיט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק).

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? צַדִּיקִים הָאבְן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, זֵיי וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט, אוּן אַז מֶען טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע טַלִּית מִיט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין וֶוערְט מֶען גֶעראַטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

# מעשה פון תפילה פאר קינדער

**שמחה עליזה מזרחי תחי׳ פון קרית ברסלב פארציילט:**
איך האב געוואלט ענדיגן גאנץ ספר תהילים.




געמאלן דורך: שמחה עליזה מזרחי






# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** רחל לאה רויטה – בית פיגא ווילמסבורג
**נאך:** מיין באבע די צדיקת רחל לאה טייטלבוים ע״ה

## אביסל איבער איר

זי איז געווען א פרוי מיט א שטארקע אמונה און בטחון אינעם אייבערשטן.

זי האט איר גאנץ לעבן געהאט א שיינע קלייד גרייט אויב משיח קומט זאל זי נישט דארפן גיין זוכן א קלייד, נאר גלייך זיין גרייט צו מקבל זיין משיח צדקינו.

אויך איז זי געווען א פרייליכע פרוי זי האט יעדן איינעם געגעבן א שמייכל און יעדעם פרייליך געמאכט, זי האט געהאט הונדערטער אייניקלעך, אלע האבן ליב געהאט צו קומען צו איר ווייל זי האט יעדן איינעם געמאכט זיך גוט שפירן.

אויך האט זי שטענדיג גערעדט נאר פאזעטיוו אפילו זי האט געהאט גרויסע יסורים האט זי זיך קיינמאל נישט אפגערעדט.

איך האף צו גיין אין אירע וועגן.



**אויפן בילד:** ״איך מאן הרב החסיד ר׳ אלחנן חיים טייטלבוים ע״ה געבט חנוכה געלט פאר מיין טאטע דער ראש ישיבה שליט״א״

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

**ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין אין שום מציאות מבלעדיך כלל ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם**

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ז | צ | ז | צ | צ | ו | ס | ת | ת | ז | ל | ח | ו | ק | ר | ה | ס | י | מ | ס | ר | ח |
| ק | ז | ג | כ | ל | ל | ע | מ | מ | מ | ס | צ | ה | ת | ד | פ | פ | ק | ל | ט | ע | ט | ע |
| י | מ | ר | מ | ל | כ | ז | ז | ר | ה | ס | ו | נ | ס | ג | א | נ | ו | פ | ד | ס | ה | ז |
| א | כ | נ | נ | ר | פ | ש | א | מ | ג | א | ת | פ | פ | ו | ש | ע | ע | נ | י | ט | ע | ט |
| א | ב | ת | ס | ס | ט | מ | ש | מ | נ | ח | ט | כ | ו | ז | צ | ק | ר | ל | כ | ב | ו | ס |
| א | כ | ט | ב | ל | ו | א | ג | ת | ת | י | מ | מ | ל | א | א | י | ש | ב | מ | ז | נ | ט |
| ר | י | ט | ח | ש | ר | פ | ו | פ | ו | ל | א | ב | ר | ו | כ | ס | י | ז | ר | י | ת | ב |
| מ | ט | מ | ג | ר | י | א | ק | ה | ק | א | ב | י | ל | ח | ז | כ | ש | ש | ס | ט | נ | י |
| ע | נ | ה | ע | ל | י | ב | ב | ר | ד | ו | כ | מ | ע | ז | צ | ח | ת | נ | ע | פ | א | |
| ל | ס | ז | כ | צ | ת | ר | ו | ו | ס | ש | ת | ע | ב | י | ד | ש | ש | ק | ב | ס | כ | ג |
| מ | ג | ע | מ | ז | נ | פ | נ | ו | ת | נ | ו | ע | ה | ת | פ | י | פ | ת | י | ל | ש | א |
| י | י | צ | ו | ק | ז | י | ו | מ | נ | ב | ד | כ | נ | ר | ת | צ | כ | ת | ש | מ | ל | י |
| נ | ה | נ | ר | א | ח | מ | ד | צ | ר | נ | ד | ג | ת | ד | ע | ו | א | ס | י | מ | נ | ל |







**העלף נחמן נתן צוגרייטן די מנורה פאר יום טוב חנוכה**

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | 2 | | | | 5 |
| 4 | | | | 6 | |
| 1 | | | 2 | | |
| | 5 | | 4 | 2 | 3 |
| | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 6 | | 2 | | 4 | | 3 | |
| 1 | | 7 | 6 | | 9 | 4 | | 2 |
| | 9 | | | 7 | | | 1 | |
| 3 | 2 | | | 9 | | | 4 | 7 |
| | | 9 | | 6 | | 2 | | |
| 7 | 1 | | | 4 | | | 6 | 3 |
| | 4 | | | 3 | | | 7 | |
| 8 | | 3 | 4 | | 1 | 6 | | 5 |
| | 5 | | 9 | | 7 | | 2 | |




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**מז.** מִי שֶׁשּׁוֹמֵר אֶת עַצְמוֹ מִשְּׂחוֹק שֶׁל הִתּוּל, בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא אִישׁ אֱמֶת.

**טייטש.** וֶוער עֶס הִיט זִיךְ פוּן אַרוּמְלַאכְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֱמֶת׳דִיגֶער מֶענְטְשׁ.



# חידות
## אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: אז מען זוכט גוטס אין א צווייטן**

א. האט מען א גרויסע מצוה
ב. ווערט מען אליין גוט
ג. ווערט יענער גוט
ד. ווערןביידע גוט

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: מוהרא"ש זי"ע פלעגט זאגן: ווען מען רעדט צום אייבערשטן, זאל מען דער עיקר בעטן

ענטפער: אויף שמחה

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**נחמן נתן איידליס נ"י - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת חיי שרה?

### פון אויבן אראפ.

1. היט ____, ווערסטו האבן אלעס גוטס
4. וואס מיר ווילן און וואס מיר דארפן, גייען מיר ____ דעם אייבערשטן
5. דער אייבערשטער איז ____, און אלעס איז ער
6. שטארק זיך מיט דיינע ____ ____
9. וואס מען בעט דעם אייבערשטן, ____ מען
11. דורך תפלה והתבודדות גייט מען ארויס פון כח ____
12. די ____ קענען דיך נישט העלפן, נאר דער רבי' וועט דיך העלפן
13. אז מען זוכט אויף גוטס אין א ____, ווערט יענער גוט
17. מיט'ן אייבערשטער אויף דיין שפראך ____
18. ____ ברענגט נאנט צום אייבערשטן
19. דער רבי' לערנט אונז מיר זאלן בענקען און ____ צום אייבערשטן סיי וואו מיר זענען

### פון רעכטס צו לינקס.

1. תהלים היט אפ פון אלעם ____
2. פון אלע שווערקייטן אנטלויף צום ____ דאווענען
3. שמועס מיט'ן אייבערשטן ווי צו א נאנטער פריינט, וועט איר שפירן א ____ אין לעבן
7. ____ אריין אין דיר דעם געדאנק אז אלעס איז דער אייבערשטער
8. וואס מען טוט פארן רבי'ן, איז א נצחיות, און דאס ברענגט נאר ____ פאר'ן מענטש
10. דער הייליגער רבי' איז שטערקער און גרעסער פון אלע ____
11. שטארק זיך מיט תפלה ו____
14. מען דארף מכבד זיין א ____, זאל זיין וואס זאל זיין
15. הרג'עט דעם ייצר הרע____
16. התבודדות ____ אויס דעם מענטש און ווייזט אים וואס צו טון אין לעבן



### די ענטפערס פון פאריגע וואך



# בילדער

## אפטיילונג



קרעדיט: משה ראזענבערג







צווייטע סיום הש"ס פון הבחור תלמיד ישיבת היכל הקודש ירושלים שלמה הערש נ"י בן מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו - און סיום תלמוד ירושלמי דורך האברך מו"ה משה ראזענבערג הי"ו - א' חיי שרה




קרעדיט: שמחה בלאק

נייע צדקה פושקע פאר בית המדרש היכל הקודש לאנדאן



קרעדיט: נפתלי זאבעל

עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש העיס קרית יואל - דינסטאג חיי שרה




חתונה פון תלמיד הישיבה החתן שלמה נ״י בן מו״ה ברוך אפעלדארפער הי״ו - ג׳ חיי שרה




הרה״ג רבי געציל בערקאוויטש שליט״א דומ״ץ קרית יואל ביים טאנצן מיטן חתן

בר מצוה אין שטעטל פון הבחור אפרים פישל נרו יאיר בן מו״ה ישראל חיים ברוין הי״ו בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט״א מיטוואך חיי שרה




דער בר מצוה בחור איז מסיים א מסכתא




דער ראש ישיבה ביים רעדן לכבוד די שמחה




פרייליכע טענץ לכבוד די שמחה




ביים לחיים אין חדר נאכן תפילין לייגן - ה׳ חיי שרה







קביעות מזוזה ביים שטוב פון מו״ה אשר לעמיל זוסמאן הי״ו - מיטוואך חיי שרה

דער ראש ישיבה באזוכט אין קרית ברסלב ספרים סטאר מיטוואך חיי שרה



קרעדיט: הענך איינדיג



קרעדיט: שמעי' וואקס

ביים קלאפן מזוזה



קרעדיט: שמעי' וואקס



קרעדיט: יצחק אייזיק ראטה

א פרישע דירה אויף די רעדקליף גאס כמעט פערטיג



קרעדיט: שלמה בערקאוויטש

מען רוקט זיך פאראויס ביי די דירות אויף ירושלים גאס



קרעדיט: יצחק פאפענהיים

די קינדער פון בית פיגא ירושלים אהערגעשטעלט א צווילינג וועגעלע פון קליקס



קרעדיט: נפתלי זאבעל

אבות ובנים אין היכל הקודש העיס קרית יואל

**חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל**
**בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט"א - ה' חיי שרה**

























**אבות ובנים אין האשקי בית המדרש מוצ"ש חיי שרה**

## הרב רבי יצחק לעזער שליט"א באזוכט אין שטעטל
## פרשת חיי שרה תשפ"ג







**מעריב מוצאי שבת**




**ביי הבדלה מוצאי שבת אין בית המדרש**




**ביים זיך געזעגענען פונעם עולם מוצאי שבת**




**מו"ה שלמה ברוך בלוי הי"ו אין א שמועס מיט רבי יצחק שליט"א - א' תולדות נאך שחרית אין שטעטל**




**מנחה מיט רבי יצחק שליט"א אין שטעטל - א' תולדות**




**רבי יצחק שליט"א ביים קלאפן מזוזה אין חדר א' תולדות**




**רבי יצחק שליט"א באזוכט ביי די קינדער אין כיתה א' א' תולדות**


קרעדיט: יעקב לעזער


קרעדיט: רפאל פורסט

**רבי יצחק שליט"א באזוכט ביי די קלענערע און גרעסערע קינדער אין חדר - א' תולדות**


קרעדיט: שמעון פיש


קרעדיט: שמעון פיש

**שבת התוועדות פרשת חיי שרה מיט א צאל בחורים וואס האבן אריינגעברענגט געלט פאר די ישיבה**


קרעדיט: שמעון פיש


קרעדיט: שמעון פיש


קרעדיט: שלמה פעלבערבויט

**די בחורים מאכן פושקעס פאר די מוסדות**



קרעדיט: אשר יעקב בלום

**די גרויסע פרינטער אין בית הדפוס איז אנגעקומען צו פינף מיליאן קאפיס**



We are now offering a
10% discount
FOR THE
KIRYAS
BRESLEV
COMMUNITY
KJ Chicken or Meal Mart Meat
pick it up or have it delivered the same day!
for KJ Beef
Place your order before 2pm and have it the next day!
Come enjoy Hot Fresh Food from our deli, you can dine in or take out.
FREE DAILY DELIVERY
BOOSUR
MEAT + DELI
FULL SERVICE CATERING
שמחות
קידושים
שבתים
5215 MAIN ST. SOUTH FALLSBURG, NY 12779
845.434.3689 | SALES@BOOSUR.COM
WWW.BOOSUR.COM
OPEN
ALL YEAR ROUND
SANDWICH STATION
SPACIOUS SEATING AREA
CARVING STATION
EVERY THURSDAY & FRIDAY
SHABBOS PACKAGES
FULL PARTY PLANNING
DPMGGROUP.COM